STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04910

DI ONHEYBN FUN DER YIDISHER KOLONOZATSYE IN ARGENTINE

Zosa Szajkowski

Permanent preservation of this book was made possible
by Mark and Rita Lichtenstein
in honor of her father, Morris Field,
master of Yiddish written and spoken

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. שײקאָװסקי

די אָנהײבן פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע

סעפּאַראַטער אָפּדרוק
פֿון באַנד 7
אַרגענטינער ייוואָ־שריפֿטן

בועגאָס אײַרעס
1957

די אָנהייבן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע(*)

פ ו ן

ז. שיַיקאָווסקי (ניו־יאָרק)

דעם ליכטיקן זכרון פון מיַין פריַינד
און לערער אליהו טשעריקאָווער ז״ל

1) אַליאַנס־קאָמיטעטן

באַלד נאָך איר גרינדונג אין 1860 האָט די פּאַריזער אַליאַנס איזראַעליט או־ניווערסעל (חברת כל ישראל חברים) געזוכט אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיט יידן אויף דער גאָרער וועלט, דערין אויך אין די אַמעריקאַנישע לענדער. אין די פּאַראַיי־ניקטע שטאַטן איז פון יאָר 1860 אָן געפירט געוואָרן אַן אַליאַנס־טעטיקייט (1). אויך אין צענטראַל־ און דרום־אַמעריקע האָט די אַליאַנס געזוכט צו שאַפן מיטגלי־דער פאַר דער אַליאַנס און אַפילו לאָקאַלע אַליאַנס־קאָמיטעטן.

אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז דער ערשטער לאָקאַלער קאָמיטעט פון דער פּאַריזער אַליאַנס אין די לענדער געגרינדעט געוואָרן אין ק ו ר א ס אַ אָ. שוין אין 1860 איז דאָרט געווען אַן אַליאַנס־מיטגליד דער ספרדישער ייִד ע. דע סאָלאַ (E. de Sola) וועלכער האָט געוווינט אין לאַ גואַירא; אין 1877 האָט דער קאָמיטעט געהאַט 101 מיטגלידער (פון זיי בלויז 11 אַשכנזישע יידן, די אי־בעריקע ספרדים) און 12 מיטגלידער אין קאָראָ. אין 1867 האָט דער קאָמיטעט גע־בעטן דער פּאַריזער אַליאַנס אַרויסצוגעבן דעם בולעטין פון דער אַליאַנס אויך אין שפּאַניש, בכדי צו קענען פירן פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער אַליאַנס אויך אין די צענטראַל־אַמעריקאַנישע רעפּובליקן. Ch. M. Cohen וואָס האָט געוווינט אַ צײַט אין קו־ראַסאַאָ האָט אָרגאַניזירט אַן אַליאַנס־קאָמיטעט אין סאַן־דאָמינגאָ. אין ריאָ־האַשאַ האָט אין 1870 עקסיסטירט אַן אַליאַנס־קאָמיטעט מיט 12 מיטגלידער (2). אין סאַן־טאָמאַס איז געווען אַ קאָמיטעט שוין אין 1864 (19 מיטגלידער אין 1874). אויף דעם אינדזל האָט אַ צײַט אָנגעפירט מיט דער אַליאַנס־טעטיקייט דער ראַבי־

(*) די הערות זע צום סוף פון דער אַרבעט.

נער נ. נאטאן. ער האָט געזאַמלט גרעסערע סומעס פאַר דער אַליאַנס, בעיקר האָט ער די זאַמלונג דורכגעפירט בעת דער אַקציע לטובת די יתומים פון פוילן אין 1870; אים האָט אַ סך געהאָלפן אין דער אַרבעט דער בעלגישער קאָנסול אַלפרעד ב. נאַ־נעס, װעלכער איז בשעתו געװען סעקרעטאַר פון אַליאַנס־קאָמיטעט (3). אין ריאָ דע זשאַנעיראָ איז געגרינדעט געװאָרן אַ קאָמיטעט אין 1866, אָבער דער קאָמיטעט איז זיך גיך צעפאַלן. ער איז באַנײַט געװאָרן אין 1877 (18 מיטגלידער אין סעפּ־טעמבער 1893). אין פּערנאַמבוקאָ האָט שױן אין 1871 עקסיסטירט אַ קאָמיטעט (24 מיטגלידער אין 1876), װאָס איז אָרגאַניזירט געװאָרן דורך דער צדקה־חברה Société de Bienfaisance. אין סאַן־פּאַולאָ האָט עקסיסטירט אַ קאָמיטעט אין 1892; מיט דער אַליאַנס־אַרבעט האָט דאָרט אָנגעפירט גאַסטאָן פּיקאַר (4). אין לימאַ האָט עקסיסטירט אַ קאָמיטעט אין 1883 (5). אין ניקאַראַגואַ האָט דער פראַנצײזישער ייִד פערנאַנד לעװי אין די 90קער יאָרן װערבירט מיטגלידער פאַר דער אַליאַנס (6).

דאָס זײַנען אַלץ געװען קאָמיטעטן, װאָס האָבן בלױז געזאַמלט יערלעכע אָפּ־צאָלן פאַר דער אַליאַנס אין פּאַריז, האָבן דורכגעפירט ספּעציעלע זאַמלונגען, אָבער מער נישט. קײן שום איניציאַטיװ צו שטאַרקן דאָס ייִדישע לעבן אױף די ערטער איז פון די דאָזיקע אַליאַנס־קאָמיטעטן נישט געקומען. די ייִדישע ייִשובים זײַנען דאָ געװען צו קלײן און אָפּגעריסן פון ייִדיש לעבן כדי צו קענען פירן אַן אינטענ־סיװע טעטיקײט פון דער אַליאַנס. דאָס ביסל מאָגערע אַליאַנס־טעטיקײט װאָס איז יאָ געפירט געװאָרן אין די אַמעריקאַנישע לענדער איז אין דעם רוב פאַלן געװען צו פאַרדאַנקען די פראַנצײזישע ייִדן, װעלכע האָבן זיך דאָ באַזעצט, בעיקר די עלזאַ־סער, װאָס האָבן עמיגרירט אין די לענדער נאָך דער דײַטשישער אַנעקסיע פון על־זאַס־לאָטרינגן בעת דער מילחמה 1870—1871.

אין אַרגענטינע איז אָפילו דאָס ניט געװען במשך פון די בערך ערשטע 25 יאָר עקסיסטענץ פון דער אַליאַנס. דער ערשטער מיטגליד פון דער אַליאַנס אין בוענאָס־אײַרעס איז, װי עס װײַזט אױס, געװען קאַרל ראַק, אַ דײַטשישער ייִד, װעלכער האָט סוף 1887 געשיקט זײַן מיטגליד־אָפּצאָל צו דער אַליאַנס אין פּאַריז. די אַליאַנס האָט אים געבעטן װערבירן מיטגלידער. דער דירעקטאָר פון דער אַליאַנס־שול אין טעטואַן האָט רעקאָמענדירט זײַן פרײַנד פון בוענאָס־אײַרעס לעאָן צרפתי (Léon Sarfati) צו װעמען די אַליאַנס האָט געשריבן דעם 20טן יאַנואַר 1888. אױך אים האָט מען געבעטן פּראָפּאַגאַנדירן די אַליאַנס־אידײען. אין 1889 האָט אין פּאַריז זיך געפונען אױף אַ באַזוך דער בוענאָס־אײַרעסער סוחר אד. קאַהן, װעמען די אַליאַנס האָט געבעטן אין אַ בריװ פון 16טן יולי 1889, ער זאָל שרײַבן צו זײַן פרײַנד אָסקאַר לעװי אין בוענאָס־אײַרעס װעגן שאַפן דאָרט אַן אַליאַנס־קאָמיטעט(7). דערװײַל איז אונטערגעקומען די עמיגראַציע פון 800 קאָלאָניסטן קײן אַרגענטינע.

עס איז צושטאַנד געקומען די מיסיע פון דר׳ לעווענטאַל און זיינע 2 פריינד און עס איז געגרינדעט געוואָרן די יִקא, וועגן וואָס מיר וועלן נאָך שרייבן גענויער. די צאָל ייִדן אין אַרגענטינע האָט זיך מיט אַ מאָל פאַרגרעסערט און די אַליאַנס האָט ענערגישער געזוכט צו שאַפן דאָרט אַליאַנס־קאָמיטעטן. דעם 9טן דעצעמבער 1891 האָט די אַליאַנס געשריבן צו סימאָן קרעמער אין בוענאָס־איירעס און אים געבעטן ער זאָל גרינדן אַ קאָמיטעט פון דער אַליאַנס. דער ציל פון קאָמיטעט — שרייבט די אַליאַנס — זאָל נישט זיין צו זאַמלען געלט, ווייל דער אַרגענטינער ייִדישער ישוב איז נישט רייך. דער הויפּטציל פון דעם קאָמיטעט זאָל זיין אָנצוקניפּן אַ פאַרבינדונג צווישן דער אַליאַנס און די אַרגענטינער ייִדן און „ווירקן מאָראַליש" אויף די ייִדישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד. דערביי גיט די אַליאַנס אָן אַ רשימה פון 11 מענטשן, מיט וועלכע קרעמער קען זיך פאַרשטענדיקן (8). אין 1892 האָט אין בוענאָס־איירעס שוין עקסיסטירט אַן אַליאַנס־קאָמיטעט, אָרגאַניזירט דורך דער „ייִדישער קאָנגרעגאַציע אין דער אַרגענטינער רעפּובליק" (9). פּרעזידענט פון דעם אַליאַנס־קאָמיטעט איז געווען דער פראַנצייזישער ייִד אַשיל לעווי. צווישן די בוענאָס־איירעסער ייִדישע כלל־טוער האָבן דעמאָלט נישט געפעלט קיין אינטריגעס און אויך צווישן די מיטגלידער פון דער אַליאַנס זיינען פאָרגעקומען קאָנפליקטן. סימאָן קרעמער האָט דערפאַר אין יאַנואַר 1893 געשאַפן אַן א יי ג ע נ ע ם אַליאַנס־קאָמיטעט; דעם 18טן יאַנואַר 1893 האָט ער טעלעגראַפיש מודיע געווען וועגן דעם דער אַליאַנס אין פּאַריז. פון פּאַריז האָט מען אים אָבער געענטפערט, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַליאַנס האָט שוין פריער אָנערקענט דעם קאָמיטעט פון אַשיל לעווי און מען רעקאָמענדירט אים און זיינע פריינד זיך פאַרשרייבן אין לעווים אַליאַנס־קאָמיטעט (10). אָבער אויך דער בוענאָס־איירעסער קאָמיטעט פון דער אַליאַנס האָט נישט געטאָן מער ווי קלייבן מיטגליד־אָפּצאָל. די „אַקטיווע" אַליאַנס־אָנהענגער אין אַרגענטינע זיינען געווען צו נאָענט פאַרבונדן מיט דער יִקא, צו פיל פאַרטאָן אין יִקא־אינטריגעס, אַז זיי זאָלן זיך האָבן געקענט אָפּגעבן מיט שעפערישער אַליאַנס־אַרבעט. די אַליאַנס ווידער האָט, צוליב דער יִקא, נישט געוואָלט, אַז דער אַליאַנס־קאָמיטעט אין בוענאָס־איירעס זאָל ווערן נאָך אַ געביט פון אינטריגעס. די יִקא־טעטיקייט האָט בכלל נישט געלאָזן קיין פריי אָרט פאַר אַליאַנס־אַרבעט. די אַליאַנס האָט געמוזט אָפּטרעטן דער יִקא דאָס גאַנצע פעלד פון אַרבעט אין אַרגענטינע. צווישן די קאָלאָניסטן האָט מען ווידער נישט איבעריק ליב געהאַט די פּאַריזער אַליאַנס. בכן איז די גאַנצע אָפיציעלע טעטיקייט פון דער אַליאַנס אין אַרגענטינע באַשטאַנען נישט מער ווי אין זאַמלען מיטגליד־אָפּצאָל און די מיטגלידערשאַפט איז תמיד געווען אַ קליינע; ס׳רוב מיטגלידער פון דער אַליאַנס איז געווען יִקא־אָנגעשטעלטע. צוליב אַ סך סיבות האָט זיך זיי גע־לוינט בעסער צו פיגורירן אויף דער רשימה פון די אַליאַנס־מיטגלידער. טייל לע־

רערם אין די קאָלאָניעס, וואָס זײַנען פריער געווען לערערס אין די אַליאַנס־שולן אין די מיזרח־לענדער, האָבן זיך פאַרנומען מיט רעקרוטירן אין די קאָלאָניעס מיט־גלידער פאַר דער אַליאַנס. צווישן די קאָלאָניסטן גופא האָבן זיי אָבער געהאַט ווייניק הצלחה. דער לערער Jos. Sabah פון דער קאָלאָניע קלאַרא שרײַבט דעם 17טן אויגוסט 1896 קײַן פּאַריז, אַז ער האָט ווערבירט 4 נײַע מיטגלידער פאַר דער אַליאַנס, בתוכם דעם קריסט Ed. Bizeray. אַלע 4 נײַע מיטגלידער זײַנען געווען יִקא־אַנגעשטעלטע. דער לערער מאיר לעווי שרײַבט וועגן 3 נײַע מיטגלידער פאַר דער אַליאַנס (11).

אין 1921, נאָך אַ באַזוך פון בוענאָס־אײַרעסער ראַבינער דר׳ ש. חלפן אין פּאַריז, האָט זיך געדוכט, אַז די אַליאַנס־טעטיקייט אין בוענאָס־אײַרעס וועט זיך פאַרשטאַרקן. דר׳ חלפן איז אַ לאַנגע צײַט געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער פּאַריזער אַליאַנס. זײַנע פּרוּוון עפּעס צו טאָן פאַר דער אַליאַנס האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ שיעור שוועריקייטן אפילו צווישן די ספרדישע און מאַ־ראָקאַנער ייִדן. אין 1912 האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט אים צו העלפן אין אָרגאַני־זירן אין אַרגענטינע די זאַמלונג פון דער אַליאַנס פאַר די מאַראָקאַנער ייִדן. אין 1917 האָבן די ספרדים פון דער קהילה זיך ווידער אָפּגעזאָגט אים צו העלפן אין דער אַקציע פון דער אַליאַנס לטובת די נשרפים פון סאַלאָניקי.

בכלל האָט די אַליאַנס־טעטיקייט אין אַרגענטינע זיך נישט קײַן רוק געטאָן פאָ־רויס. אין 1923—1924 זײַנען געווען אין אַרגענטינע בערך 40 אַבאָנענטן פון Paix et Droit, אָרגאַן פון דער פּאַריזער אַליאַנס. דאָס האָט אַן אַנגעשטעלטער פון דער יִקא זיך פאַרנומען מיטן צונויפנעמען מיטגליד־אָפּצאָל פאַר דער אַליאַנס און אַבאָנענטן פאַר איר אָרגאַן; ס׳רוב מיטגלידער און אַבאָנענטן איז אויך גע־ווען יִקא־אַנגעשטעלטע (12). דאָך האָט די פּאַריזער אַליאַנס געשפּילט אַ גאָר וויכ־טיקע ראָל אין דער געשיכטע פון ייִדן אין אַרגענטינע; געשען איז עס בעת דער עמיגראַציע פון 1889.

2) די עמיגראַציע קײַן אַרגענטינע אין יולי 1889

די געשיכטע פון דער עמיגראַציע פון די ייִדישע קאָלאָניסטן קײַן אַרגענ־טינע אין יולי 1889 איז מער ווייניקער שוין באַקאַנט (13). שוין סוף 1888 איז אַ גרופּע רוסיש־ייִדישע עמיגראַנטן (8 משפחות) געשיקט געוואָרן דורך דער פּאַריזער אַליאַנס קײַן אַרגענטינע (14). אין יולי 1889 זײַנען אָנגעקומען קײַן ברעמען העכער 800 רוסיש־ייִדישע עמיגראַנטן פון אַרום פּאָדאָליע און קאַמע־נעץ (15), וואָס האָבן געוואָלט פאָרן קײַן ארץ־ישראל און נישט געקענט. זיי זײַ־נען אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון אַן עמיגראַציע־אַגענט, וועלכער האָט פאַר 400

פראַנק פאַר אַן עמיגראַנט זיי געשיקט קיין אַרגענטינע און געחתמעט מיט זיי קאָנטראַקטן, לויט וועלכע זיי האָבן געדאַרפט באַקומען ערד צו באַאַרבעטן. אָנגעקומען קיין בוענאָס־איירעס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין שום לאַנד איז פאַר די עמיגראַנטן נישט צוגעגרייט. סוף־כל־סוף האָבן זיי געמוזט אָנקומען צום לאַנדבאַזיצער ד"ר פעדראָ פּאַלאַסיאָס. מיר ווען נישט איבערחזרן שוין באַוווּסטע פאַקטן, מיר ווילן בלויז דערציילן די געשעענישן אַזוי ווי זיי ווערן פאַרגעשטעלט אין אומבאַקאַנטע דאָקומענטן. אויב מיר האָבן אַריינגעפּאַסט די געשעענישן אין די ראַמען פון אַן אַרבעט וועגן דער טעטיקייט פון דער אַליאַנס, איז עס דערפאַר, ווײַל די אַליאַנס איז געווען גאָר נאָענט פאַרבונדן מיט אָט־דער עמיגראַציע פון די ערשטע ייִדישע קאָלאָניסטן קיין אַרגענטינע. די אַליאַנס איז אויך געווען פאַרבונדן מיט דער גרינדונג פון דער יִקאָ און די דערמאָנטע געשעענישן האָבן אויך געהאַט אַ ווירקונג אויף דער עמיגראַציע־פּאָליטיק פון דער אַליאַנס.

מען דאַרף אונטערשטרײַכן, אַז פּאַריז איז דעמאָלט געווען אַ צענטער אויף צו ווערבירן אייראָפּעיִשע עמיגראַנטן און קאַפּיטאַל פאַר אַרגענטינע. אַ ספּעציעלער פאָרשטייער פון דער אַרגענטינער רעגירונג, פּעדראָ ס. לאַמאַס האָט אין פּאַריז אָנגעפירט מיט אַן אַרגענטינער אינפאָרמאַציע־ביוראָ, וואָס האָט געהאַט אַ סך אָפּטיילן. דאָס ביוראָ איז געווען בעיקר אַ ביוראָ אויף צו ווערבירן עמיגראַנטן. אין 1888—1889, אַזוי גוט ווי אין די פריערדיקע יאָרן, און אויך שפּעטער, איז אין מערב־ און צענטראַל־אייראָפּע, אָבער בעיקר אין פּאַריז, דערשינען אַ גרויסע צאָל באַשרײַבונגען פון אַרגענטינע, צײַטשריפטן, וועגווײַזערס און פּראָפּאַגאַנדע־בראָשורן פאַר עמיגראַנטן. עטלעכע אַזעלכע פּובליקאַציעס זײַנען געשריבן געוואָרן פון פּעדראָ ס. לאַמאַס גופא. אין 1883—1890 האָט לאַמאַס אין פּאַריז רעדאַקטירט אַ ספּעציעלע חודש־שריפט פאַר עמיגראַנטן (16). דאָס פּאַריזער פּראָפּאַגאַנדע־ביוראָ פון פּעדראָ לאַמאַס האָט אויך אַרויסגעגעבן פּאַמפלעטן וועגן אויספאַרקויף פון לאַנד אין אַרגענטינע (17). אין איינער פון די פּראָפּאַגאַנדע־בראָשורן (1888) האָט דאָס ביוראָ מודיע געווען, אַז עמיגראַנטן, וואָס ווילן קויפן אין אַרגענטינע שטחים ערד פון 33 העקטאַר, זאָלן זיך ווענדן צו פראַנקן, J. B. Franck, אין טייל דאָקומענטן אויך Frank אָדער Franck — פאָרשטייער פון בוענאָס־איירעסער Colonizadora Nacional (18). פראַנק האָט אויף 19 רי דע מילאַן, אין פּאַריז, אָנגעפירט מיט אַ ביוראָ אויף צו רעקרוטירן עמיגראַנטן קיין אַרגענטינע. די ביוראָ האָט זיך גערופן „צענטראַלע אייראָפּעיִשע אַגענטור פון עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין דער אַרגענטינער רעפּובליק" (19). אַ גרויסער אַרגענטינער לאַנדבאַזיצער, דער אינזשעניער ראַפאַעל הערנאַנדעס, האָט דעמאָלט געזוכט צו פאַרקויפן ערד צו עמיגראַנטן (20). און פראַנק איז געוואָרן זײַן אייראָפּעיִשער אַגענט. אין „פראַנקס הענט" זײַנען עס אַרײַנגעפאַלן די העכער 800 רוסישע ייִדן,

װעמען עס איז נישט געלונגען צו פֿאָרן קײַן ארץ־ישראל. זײ האָבן זיך סוף־כּל־סוף אַנטשלאָסן צו פֿאָרן קײַן אַרגענטינע. פֿראַנק האָט געחתמעט מיט זײ קאָנטראַקטן (21), אין װעלכע עס האָט זיך געזאָגט, אַז די באַדינגונגען זײַנען אַזױנע װי זײ װערן אױסגערעכנט אין זײַן בריװ פֿון 4טן יולי 1889 צו זיגמונד זימעל אין בערלין, אַן עמיגראַציע־טוער, װאָס האָט אין פֿאַרבינדונג מיט דער פּאַדיזער אַליאַנס זיך פֿאַרנומען מיט שיקן עמיגראַנטן קײַן אַרגענטינע. אין דערמאָנטן בריװ דערקלערט פֿראַנק (22) אַז די באַרן־קאָנצעסיעס פֿון ר. הערנאַנדעס װערן געגעבן די עמיגראַנטן פֿאַר 120 פֿראַנצײזישע פֿראַנק פּער העקטאַר, אָדער 3000 פֿראַנק פֿאַר אַ קאָנצעסיע, און אַ קאָנצעסיע האָט געזאָלט זײַן 25 העקטאַר. אַ העלפֿט פֿון דער סומע דאַרף אױסגעצאָלט װערן אין 22 יאָר מיט אַ צינז פֿון 2% יערלעך. די 2טע העלפֿט דאַרף באַצאָלט װערן אין יערלעכע ראַטעס מיט געװײנטלעכע צינזן. דער אײגנטימער דאַרף געבן די קאָלאָניסטן פּראָװיזאָרישע דירות, בהמות, פֿערד, אַרבעטס־מכשירים אאַז"װ צו רעדוצירטע פּרײַזן און אױסצוצאָלן אין ראַטעס. במשך פֿון 3 יאָר זײַנען די קאָלאָניסטן באַפֿרײַט פֿון צאָלן שטײַערן בתנאי, אַז זײ זאָלן באַאַרבעטן נישט װײניקער פֿון אַ העלפֿט פֿון דעם קאָנצעסיע־באָדן. פֿראַנק פֿאַרזיכערט אין זײַן בריװ, אַז די ערד איז גוט און דער קלימאַט אַ געזונטער. אַנדרײ לאַמאַס, דער זון פֿון אַרגענטינער עמיגראַציע־פֿאָרשטײער אין פֿראַנקרײַך, זאָל דעם 12טן יוני 1889 האָבן אַרױסגעפֿאָרן פֿון בוענאָס־אײַרעס כּדי אַלץ צוצוגרײטן פֿאַר די עמיגראַנטן. פֿראַנק האָט אױך פֿאַרזיכערט, אַז ס'װעט צוגעגרײט װערן כּשר עסן פֿאַר די עמיגראַנטן אאַז"װ.

דעם 6טן יולי 1889 שרײַבט פֿראַנק צום עמיגראַציע־קאָמיסאַר אין בוענאָס־אײַרעס און בעט בײַ אים פּראָטעקציע פֿאַר „בערך 821" עמיגראַנטן, װעלכע ער שיקט אַרױס פֿון ברעמען דעם 10טן יולי מיט דער שיף „װײזער". די עמיגראַנטן, איז ער מודיע, זײַנען אַלע פּױערים, און נאָך זײ װעלן קומען טױזנטער אַנדערע. הונדערט טױזנט אַזעלכע פּױערים װילן פֿאָרן פֿון רוסלאַנד קײַן אַרגענטינע און מיטנעמען זײערע קאַפּיטאַלן. אַלץ איז גרײט זײ אױפֿצונעמען, דאָס לאַנד (פֿון ר. הערנאַנדעס) אױך, מען דאַרף נאָר געבן דעם ערשטן סיגנאַל. בכן איז װיכטיק, אַז די ערשטע עמיגראַנטן זאָלן נישט אַנטױשט װערן. פֿון פֿראַנקס אַ צװײטן בריװ צום עמיגראַציע־קאָמיסאַר אין בוענאָס־אײַרעס (13טן יולי 1889) איז צו זען, אַז פֿראַנק האָט צוליב קראַנקײט נישט געקענט אַלײן פֿאָרן קײַן ברעמען, דערפֿאַר האָט ער געשיקט אַ פֿאָרטרעטער, װאָס האָט אײַנגעמאָנט בײַ די רוסיש־ייִדישע עמיגראַנטן דאָס געלט. צוזאַמען מיטן בריװ האָט פֿראַנק אַרױסגעשיקט פֿאַר ר. הערנאַנדעס די ערשטע ראַטע פֿון 7500 פֿראַנק; דעם 19טן יולי האָט ער איבערגעשיקט אַ צװײטע ראַטע פֿון 4500 פֿראַנק (23).

לױטן װינער קאָרעספּאָנדענט פֿון לאָנדאָנער „טײמס" האָט די אַרגענטינער

רעגירונג באַפולמעכטיקט איר פּאַריזער עמיגראַציע־אַגענט צו שיקן קיין אַרגענ־טינע רוסישע יידן (24). פון פראַנקס בריוו צום עמיגראַציע־קאָמיסאַר איז אָבער צו זען, אַז ער האָט מיט גאָרנישט דערמאָנט וועגן דעם, אַז די העכער 800 עמי־גראַנטן, די ערשטע פון די פּראָיעקטירטע 100.000 — זיינען יידן. צי ער האָט עס געטאָן בכיוון, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז פון בוענאָס־איירעס וועט מען אים הייסן אָפּשטעלן דאָס שיקן יידישע עמיגראַנטן, איז נישט באַקאַנט. אמת, עס זיינען געווען דערקלערונגען פאַר דער איינוואַנדערונג פון רוסישע יידן קיין אַרגענ־טינע, למשל פון דעם אַרגענטינער פּאַעט און געוועזענעם מלוכה־פּרעזידענט באַר־טאָלאָמע מיטרע, לויט אייניקע היסטאָריקערס זאָל די דערקלערונג האָבן באַווירקן דעם באַראָן הירש צו גרינדן יידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע, אָבער קיין באַווייזן דערפאַר זיינען נישטאָ (25). פּונקט אַזוי זיינען פון 1881 אָן געווען שטימען קעגן יידישער איינוואַנדערונג קיין אַרגענטינע (26).

עס איז באַקאַנט, אַז ווען די העכער 800 עמיגראַנטן זיינען אָנגעקומען קיין אַרגענטינע, איז קיין ערד פאַר זיי נישט געווען צוגעגרייט. די אַרגענטינער רעגי־רונג האָט זיך אַריינגעמישט; עמיגראַנטן האָבן באַקומען צוריקגעצאָלט אַ טייל פון זייער געלט (27) און מ'האָט אויך גיך געגומען זוכן פאַר זיי אַנדערע ערד־שטחים. כוף־כל־סוף זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין די הענט פון לאַנד־באַזיצער דר׳ פּעדראָ פּאַלאַסיאָס. אַ פאַרשטייער פון דער אַרגענטינער רעפּובליק אין אייראָפּע (מסתמא פּעדראָ ס. לאַמאַס) האָט טאַקע געהאַט פאַרזיכערט דעם בערלינער עמיגראַציע־טוער ז. זימעל, אַז די עמיגראַנטן וועלן געפינען אין אַרגענטינע אַלץ צוגעגרייט (27 א). געשען איז אָבער אָט וואָס: שוין נאָך דעם ווי פראַנק האָט געהאַט מיט די יידישע עמיגראַנטן געחתמעט די קאָנטראַקטן איז מיט אַמאָל געשטיגן דער פּרייז פון הער־נאַנדעסעס ערד און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען פראַנקס אָפּמאַכן; די בוענאָס־איירעסער פּרעסע איז אַפילו אָנגעפאַלן אויף פראַנקן פאַרן חתמענען קאָנטראַקטן אויף צו לייכטע באַדינגונגען. אין אַ בריוו צום עמיגראַציע־קאָמיסאַר (1טער אָקטאָבער 1889) פאַרטיידיקט זיך פראַנק, אַז הערנאַנדעס האָט אין אַ בריוו פון 1טן דעצעמבער 1888 אים דערלויבט אָוועקצוגעבן די קאָנצעסיעס פאַר 100 ביז 150 פראַנק פאַר אַ העקטאַר און אַז אויך דר׳ גרעגאָריאָ טאָררעס פון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע־באַנק האָט אים געבעטן פאַרקויפן 7 קאָלאָניעס וואָס האָבן געהערט צו דער באַנק. דער פּרייז: 89 פראַנק פאַר אַ העקטאַר, הגם די ערד פון דער באַנק איז בעסער פאַר הערנאַנדעסעס (28). פּעדראָ ס. לאַמאַס האָט פאַרזי־כערט דר׳ לעווענטאַלן, אַז פראַנק איז אין דעם גאָרנישט שולדיק; פאַר דעם פּלאָנ־טער איז פאַראַנטוואָרטלעך הערנאַנדעס אַליין (29). אַ סך שפּעטער האָט נאַרסיס לע־ווען, סעקרעטאַר פון דער אַליאַנס, געשריבן, אַז פראַנק האָט ביים חתמענען די קאָנ־טראַקטן געהאַנדלט אויף זיין אייגענער האַנט (30). ווייזט אויס, פראַנק האָט גלייך

פון אָנהייב חושד געווען אַז הערנאַנדעס וועט נישט אָנערקענען די קאָנטראַקטן. אין זײַן בריוו פון 16טן יולי 1889 צום עמיגראַציע־קאָמיסאַר אין בוענאָס־אײַרעס בעט ער אָנצונעמען אַלע נייטיקע מיטלען אויב די קאָנטראַקטן וועלן נישט קענען אָנערקענט ווערן (אין פאַל פון פונאַנדערלאָזן הערנאַנדעסעס קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט, טויט־פאַל, אָקופּאַציע פון לאַנד). און אפשר האָט ער טאַקע נישט אָפּגעהיט הערנאַנדעסעס אינסטרוקציעס? פראַנק האָט, פאַרשטייט זיך, אָראָפּגענומען פאַר זיך אַ פּראָצענט. פון זײַנעם אַ בריוו צו הערנאַנדעסן (6טן יולי 1889) איז צו זען אַז ער האָט באַקומען 126.000 פראַנק פאַר 42½ קאָנצעסיעס, פון דער סומע האָט ער אַראָפּגענומען פאַר זיך 5.300 פראַנק (30 א).

3) די ראָל פון דער אַליאַנס אין דער עמיגראַציע פון 1889

די פּאַריזער אַליאַנס און די ייִדישע עמיגראַציע־טוערס פון דײַטשלאַנד, בעיקר זיגמונד זימעל פון בערלין האָבן באַלד פון אָנהייב זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער עמיגראַציע קײַן אַרגענטינע. סוף יוני 1889 איז זימעל געקומען קײַן פּאַריז צו דער אַליאַנס כדי צו דערלידיקן די ענינים פון די עמיגראַנטן קײַן אַרגענטינע (31). די אַליאַנס האָט געגעבן צו 400 פראַנק פאַר עמיגראַנטן וואָס זײַנען נישט געווען בכוח אײַנצוצאָלן די סומע (32). זימעל איז געפאָרן קײַן ברעמען אַכטונג צו געבן אויפן אָפּפאָר פון די עמיגראַנטן, די הוצאות, וואָס זימעל האָט געמאַכט פאַר די עמיגראַנטן, זײַנען געדעקט געוואָרן דורך דער פּאַריזער אַליאַנס (33). די אַליאַנס האָט פון דער ווײַטנס געזאָרגט פאַר די עמיגראַנטן אויך נאָך זייער אָנקומען קײַן אַרגענטינע. דורך די ביוראָען פון דער אַליאַנס און אירע קאָרעספּאָנדענטן זײַנען געמאַכט געוואָרן אַלע נייטיקע צוגרייטונגען פאַר דער מיסיע וואָס באַראָן דע הירש האָט געשיקט קײַן אַרגענטינע; עס זײַנען אויך געמאַכט געוואָרן צוגרייטונגען צו דער גרינדונג פון דער יק"א אין אויגוסט 1891. אָבער געטאָן האָט עס די אַליאַנס, ווײַל זי האָט זיך געמוזט פאַרנעמען מיט די קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע, כדי זיי זאָלן נישט בלײַבן אויף הפקר.

אין פּרינציפּ זײַנען די גרויסע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און די ייִדישע עמיגראַציע־טוערס ביז דער גרינדונג פון דער יק"א געווען קעגן שיקן אַ גרעסערע צאָל רוסיש־ייִדישע עמיגראַנטן קײַן אַרגענטינע. זיי האָבן געטאָן אַלדאָס מעגלעכס נישט צו דערמוטיקן אַזאַ עמיגראַציע. ווען זיי האָבן שוין יאָ געמוזט שטיצן עמיגראַנטן קײַן אַרגענטינע, האָבן זיי עס געטאָן שטילערהייט, מען זאָל נישט באַקומען דעם אײַנדרוק, אַז די אַליאַנס שטיצט אַ ייִדישע עמיגראַציע קײַן אַרגענטינע. באַלד נאָכן אָפּפאָרן פון די העכער 800 עמיגראַנטן פון ברעמען (דעם 15טן יולי 1889) האָט די פּאַריזער אַליאַנס געשריבן קײַן בוענאָס־אײַרעס צום פּראַנציזישן ייִד הענרי פּיקאַר, אַז זי גלייבט נישט, אַז די 800 עמיגראַנטן זאָלן זיך קענען אַקלימאַטיזירן

אין אַרגענטינע, הגם די אַליאַנס וויל אין דער אמתן שטיין אין אַ זײַט פון דעם גאַנצן ענין, האַלט זי דאָך פאַר איר חוב צו שטיצן די דאָזיקע עמיגראַנטן. די אַליאַנס בעט, אַז פּיקאַר זאָל העלפן די עמיגראַנטן בתנאי, ער זאָל מיט גאָרנישט דערמאָנען וועגן דער אַליאַנס; די עמיגראַנטן קענען נאָך מיינען, אַז די אַליאַנס וועט זיי שטיצן מיט געלט. אַ טאָג שפּעטער (דעם 16טן יולי 1889) האָט די אַליאַנס געשריבן דאָס זעלביקע צו אַ צווייטן פראַנצייזישן ייִד אין בוענאָס־אײַרעס, אָסקאַר לעווי, וועמען זי פרעגט, צי ער וואָלט נישט געקענט געפינען אַ פּאַרטרוי־לעכן מענטשן, וואָס זאָל במשך פון 2—3 יאָר זיך פאַרנעמען מיט די עמיגראַנטן, גע־האַלט וועט צאָלן די אַליאַנס (34). אין בוענאָס־אײַרעס איז מען געווען זיכער, אַז דאָס האָט די אַליאַנס געשיקט די 800 עמיגראַנטן. David Hassan, אַן ענגלישער ייִד פון מאַראָקאָנער אָפּשטאַם, וואָס האָט געוווינט אין בוענאָס־אײַרעס, האָט אַזוי געשריבן צום לאָנדאָנער רב־הכולל און אין דעם זינען איז אַפילו אָפּגעדרוקט גע־וואָרן אַ נאָטיץ אין דער בוענאָס־אײַרעסער צײַטונג L'Union Française. דעם 17טן יאַנואַר 1890 האָט די אַליאַנס געשריבן צום בוענאָס־אײַרעסער סוחר סימאָן קרע־מער, אַז זי האָט געטאָן אַלדאָס מיגלעכע אָפּצוהאַלטן די עמיגראַנטן פון פאָרן קיין אַרגענטינע. אין דער סאַמע לעצטער מינוט, ווען די עמיגראַנטן זײַנען שוין געווען אין ברעמען און האָבן נישט געקענט פאָרן נישט צוריק און נישט ווײַטער, ווײַל עס האָט זיי אויסגעפעלט געלט, האָט די אַליאַנס זיך דעצידירט צו געבן די עמיגראַנטן אַ סובסידיע, וועלכע איז אויסגעצאָלט געוואָרן „אומדירעקט" דעם עמיגראַציע־אַגענט פראַנק. אין דעם בריוו בעט די אַליאַנס אויסצומײַדן דיסקוסיעס וועגן דעם ענין אין דער פּרעסע. עס קען שלעכט ווירקן צוליב דער מורא פאַר אַן אָרגאַניזירטער עמיגראַציע קיין אַרגענטינע (35). איזידאָר לעב, גענעראַל־סעקרע־טאַר פון דער אַליאַנס, האָט געבעטן אויך לעווענטאַל, אַז ווען ער וועט אָנקומען קיין אַרגענטינע (זע ווײַטער) זאָל ער דאָרט נישט ריידן מיט די ייִדישע קאָלאָניסטן וועגן דער אַליאַנס, ער זאָל זיך נאָר פאַרשטעלן ווי אַ שליח פון דער אַרגענטינער רעגירונג (36). דער עמיגראַציע־טוער ב. לוריא פון האַמבורג האָט געשריבן צו דער אַליאַנס (דעם 12טן יולי 1889), אַז די עמיגראַציע פון די 800 ייִדן קיין אַרגענ־טינע איז אַ געפאַר און אַ פעלער. ער לייגט פאָר, אַז די סובסידיע פון דער אַליאַנס פאַר די עמיגראַנטן (6000 פראַנק), זאָל פאַרהאַלטן ווערן אויפן פאַל, ווען אַ טייל פון די עמיגראַנטן וועט צוריקקומען פון אַרגענטינע (37). אַפילו זיגמונד זימעל, וועלכער האָט געהאַט אַזאַ נאָענטע שייכות צו דעם גאַנצן ענין, האָט געשריבן דעם 26סטן יולי 1889 צו דער אַליאַנס, אַז ער גלייבט נישט אין געראָט פון דער עמי־גראַציע קיין אַרגענטינע. ער האָט, ווי עס ווײַזט אויס, נישט געהאַט קיין פעסטע מיינונג. דעם 1טן אויגוסט 1889 שרײַבט ער גאָר, אַז ער האָפט עס וועלן פאָרן קיין אַרגענ־טינע נאָך גרעסערע גרופּעס (38).

גאָר גיך האָבן אָנגעהויבן אָנקומען באַשולדיקונגען קעגן די מענטשן אין בוענאָס־אײַרעס, צו וועלכע די אַליאַנס האָט זיך געווענדט זיי זאָלן העלפֿן די 800 עמיגראַנטן. במשך פֿון לאַנגע יאָרן האָבן נישט אויפֿגעהערט די באַשולדיקונגען אין בריוו און אויך אין דער פּרעסע. דער בוענאָס־אײַרעסער ראַבינער הענרי דזשאָזעף, צו וועמען די אַליאַנס האָט געשריבן, האָט נישט געהאַט קײַן גרויסן צוטרוי צו די קאָלאָניסטן. צו ז. זימעל האָט ער געשריבן (דעם 3טן אָקטאָבער 1890) וועגן קאָנפֿליקט מיט הערנאַנדעסן און אַז מען דאַרף די לײַט (קאָלאָניסטן) נישט גלייבן אויפֿן וואָרט (39). אין אַ בריוו פֿון סוף 1889 שרײַבט דאַוויד האַסאַן צו דער לאָנדאָנער „אַנגלאָ דזשויִש אַסאָסיישן“, אַז דאָס האָט אָסקאַר לעווי פֿאַרפֿירט די עמיגראַנטן און זיי פֿאַרקויפֿט צו דר׳ פֿאַלאַסיאָס (40). עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען טרויעריקע באַריכטן פֿון די ייִדישע קאָלאָניסטן; זיי האָבן נישט באַקומען הערנאַנדעסעס ערד און זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון דר׳ פּעדראָ פֿאַלאַסיאָס, אַ גרויסער לאַנדבאַזיצער, אויף וועמען אַלע האָבן זיך באַקלאָגט, אַז ער לאָזט די קאָלאָניסטן שטאַרבן פֿון הונגער. די קאָלאָניסטן האָבן דאָרט געלעבט אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען. דעם 2טן אָקטאָבער 1890 שרײַבן 76 קאָלאָניסטן־מישפּחות פֿון מאָזעסוויל צו דער אַליאַנס, אַז זיי האָבן שוין אַ בית־עולם מיט 40 קבֿרים. פּערציק טויטע אויף עפּעס מער פֿון 800 עמיגראַנטן במשך פֿון 14 חדשים! די קאָלאָניסטן שרײַבן וועגן דר׳ פּעדראָ פֿאַלאַסיאָסעס שווינדלערײַען, ווי אַזוי ער זוכט אויסצוצאַפּן געלט נישט נאָר פֿון די קאָלאָניסטן, נאָר אויך פֿון די אייראָפּעיִשע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס — דורכן אָרגאַניזירן אַ לאָטעריע אויף צו בויען אַ סאַנאַטאָריע, אַ בית־עולם און אַ קינדערשול. פֿון דער לאָטעריע קען געניסן בלויז דר׳ פֿאַלאַסיאָס אַליין; פֿאַרן געלט זאָל מען בעסער קויפֿן אַקער־מכשירים און שיקן צו די קאָלאָניסטן אַן אַגראָנאָם, ווײַל פֿאַר אַ סינאַגאָגע האָבן די קאָלאָניסטן דערווײַל גענוג אַ גרויסן צימער, אַ פּלאַץ אויף אַ בית־עולם האָבן זיי באַקומען אומזיסט פֿון דער רעגירונג, אַ קינדערשול וועלן בויען די בוענאָס־אײַרעסער ייִדישע האַנטווערקער, האָבן געביטערט די קאָלאָניסטן אין זייערע בריוו. די ייִדישע און אויך נישט־ייִדישע פּרעסע אין אייראָפּע האָט כּסדר געדרוקט באַריכטן פֿון אַרגענטינע (41).

אין סאַמע אָנהייב, ווען די 800 עמיגראַנטן האָבן פֿאַרלאָזט ברעמען און מ׳האָט זיך דערוווּסט וועגן שווינדל מיט די קאָנטראַקטן, האָט די אַליאַנס באמת נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. אַחוץ הענרי פּיקאַר און אָסקאַר לעווי, צו וועמען זי האָט געשריבן דעם 15טן און 16טן יולי 1889, האָט די אַליאַנס נישט געקאָנט קײַן שום מענטשן אין אַרגענטינע, צו וועלכע זי זאָל זיך קענען ווענדן וועגן הילף פֿאַר די עמיגראַנטן. אין פֿראַנקרײַך האָט דעמאָלט זיך געפֿונען פּראָפֿ׳ דר׳ ווילהעלם לעווענטאַל, אַ פּערזענלעכער פֿרײַנד פֿון ז. זימעל און אַ מענטש, וואָס האָט שפּעטער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער עמיגראַציע קײַן אַר־

גענטינע. דר' וו. לעווענטאַל (1850 — 1894) איז געווען אַ דײַטשער ייִד, געשטאַמט האָט ער אָבער פון רומעניע. אין זײַן יוגנט האָט ער געלערנט ייִדיש. אין בערלין האָט ער צוזאַמען מיט זײַן ברודער אַרויסגעגעבן אַ סוחרישן אַדרעסנבוך (42). ער איז געווען פּראָפעסאָר פון היגיענע אין דער מעדיצינישער אַקאַדעמיע אין לאָזאַן, שפּעטער האָט ער מיטגעאַרבעט מיט פּראָפ' ראָבערט קאָך און מיטן פראַנצייזישן באַקטעריאָלאָג A. V. Cornil. אַרגענטינע און די שכנותדיקע לענדער האָט ער געקאָנט פון דער צײַט, ווען ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ מיסיע פאַר דער רומענישער רעגירונג אין דרום־אַמעריקע. די פראַנצייזישע רעגירונג האָט אים געוואָלט שיקן אין שליחות קיין טאָנקינג, דאָס איז אָבער נישט צושטאַנד געקומען צוליב זײַן דײַטשער בירגערשאַפט (43). וועגן די רוסישע ייִדן, אחוץ די חסידים, האָט דר' לעווענטאַל געהאַט אַ גוטע מיינונג. צו זײַן פרײַנד ז. זימעל האָט ער געשריבן דעם 25סטן יולי 1889, אַז זיי זײַנען אַרבעטזאַמע מענטשן (44). לעווענטאַל האָט, ווײַזט אויס, נאָך אין 1884, געהאַט אַ פּלאַן צו באַזעצן רוסישע ייִדן אין אַרגענטינע. אויף אַ קאָנגרעס אין בערלין האָט ער דעמאָלט זיך באַגעגנט מיט דר' פּעדראָ לאַמאַס און גערעדט מיט אים וועגן דעם (45). גראָד אין דער צײַט, ווען עס זײַנען אָפּגעפאָרן די 800 עמיגראַנטן, איז לעווענטאַל געבעטן געוואָרן פון דער אַרגענטינער רעגירונג אויסצופאָרשן די נײַע ווי די אַלטע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע. ער האָט די פאַרבעטונג אָנגענומען און געשריבן וועגן דעם צו זײַן פרײַנד זימעל, וועלכער האָט אים געהאַט צווויסן געטאָן וועגן מצב פון די ייִדישע קאָלאָניסטן. דעם 22סטן יולי 1889 האָט אויך איזידאָר לעב פון דער אַליאַנס געשריבן צו לעווענטאַלן. אין לעבס בריוו זאָגט זיך, אַז ער קען בלויז איין מענטשן אין אַרגענטינע — העגרי פיקאַר; אָסקאַר לעווי איז אים נישט באַקאַנט פּערזענלעך. ער בעט דעריבער לעווענטאַלן זיך צו פאַרנעמען מיט די ייִדישע אימיגראַנטן, ווען ער וועט אָנקומען קיין אַרגענטינע (46). אין אַ בריוו פון 25סטן יולי 1889 צו זימלען האָט לעווענטאַל צוגעזאָגט העלפן די ייִדישע קאָלאָניסטן (47).

לעווענטאַל האָט געגעבן איזידאָר לעבן די נעמען פון עטלעכע פון זײַנע באַקאַנטע אין בוענאָס־אײַרעס; זיי האָט לעווענטאַל רעקאָמענדירט צו שרײַבן און בעטן בײַ זיי הילף פאַר די קאָלאָניסטן. ער האָט געמיינט דעם בוענאָס־אײַרעסער סוחר סימאָן קרעמער און דעם ראַבינער העגרי דזשאָזעף. דעם 10טן יאַנואַר 1890 האָט די אַליאַנס בײַ סימאָן קרעמער טעלעגראַפיש געבעטן ידיעות וועגן דעם מצב פון די קאָלאָניסטן און אים געהייסן, אויב נייטיק, שיקן אַ מענטשן אויסצופאָרשן זייער מעמד. די טעלעגראַמע איז געווען געחתמעט נישט דורך דער אַליאַנס נאָר פון דר' וו. לעווענטאַל, וועלכער האָט קרעמערן געקאָנט פּערזענלעך. אַן ענלעכע טעלעגראַמע איז אויך אַוועק צום ראַבינער דזשאָזעף (48). דעם 17טן יאַנואַר 1890

האָט די אַליאַנס געשריבן אַ בריוו צו קרעמערן. די אַליאַנס האָט אָבער מיט די ביידע מענטשן נישט געהאַט קיין הצלחה, פּונקט ווי זי האָט נישט געהאַט קיין מזל מיט אָסקאַר לעווי. פון אַלע זייטן האָט מען באַשולדיקט קרעמערן און דזשאָזעפן, אַז דאָס האָבן זיי פאַרנאַרט די קאָלאָניסטן און זיי אָפּגעגעבן אין די הענט פון דר׳ פּאַלאַסיאָס (49). לייזער קויפמאַן וועלכער האָט באַלד פון אָנהייב געפירט די 800 עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, שרייבט אין אַ בריוו צו זיגמונד זימעל אַז קרעמער, לאַמבערט לעווי און ראַבינער הענרי דזשאָזעף האָבן געבראַכט צו אים דעם דר׳ פּאַלאַסיאָס (50).

לעווענטאַל, פון זיין זייט, האָט וועגן דעם קאָרעספּאָנדירט מיט זיינע באַקאַנטע אין דרום־אַמעריקע. דעם 11טן יאַנואַר 1890 האָט ער געשריבן צו דר׳ קאַרלאָס סטעיגלעדער, אַ קאָלאָניסט אין סונטשאַלעס, וואָס איז דעמאָלט געווען די לעצטע סטאַציע פון דער באַן, וועלכע האָט געפירט צו פּאַלאַסיאָס — דאָס לאַנד פון דר׳ פּעדראָ פּאַלאַסיאָס וווּהין ס׳רוב יידישע קאָלאָניסטן זיינען אַריינגעפאַלן. אין זיין תשובה פון 16טן פעברואַר 1890 האָט סטעיגלעדער געשריבן, אַז די קאָלאָניסטן פון פּאַלאַסיאָס ווילן אַרבעטן, עס איז אָבער אַ שווערער עקספּערימענט. מען מוז אָפּוואַרטן (51).

דר׳ פּעדראָ פּאַלאַסיאָס האָט דערווייל געזוכט אַרויסצובאַקומען געלט פון די יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע. דעם 22טן מיי 1890 האָט ער געבעטן ביי דער אַליאַנס מאַטעריעלע הילף פאַר די יידישע קאָלאָניסטן, וואָס אַרבעטן אויף זיין ערד; זיין ווענדונג איז געווען געחתמעט אויך דורך סימאָן קרעמער און הענרי דזשאָזעף (52). די אַליאַנס האָט שוין געהאַט געהערט וועגן דר׳ פּאַלאַסיאָס און אפילו וועגן זיינע פאַר יידישע פריינד. די אַליאַנס האָט בכן געהאַנדלט פּאָרזיכטיק. זי האָט געענטפערט ערשט דעם 30טן אָקטאָבער 1890, אַז זי קען נישט האַנדלען אין דעם פּרט אויף גיך, ווייל די אַרגענטינער באַדינגונגען זיינען איר אומבאַקאַנט. דר׳ לעווענטאַל און צוויי אַנדערע פּערזאָנען, שרייבט די אַליאַנס, זיינען אָפּגעפאָרן (24סטן אָקטאָבער 1890) קיין אַרגענטינע, זיי וועלן באַזוכן די יידישע קאָלאָניסטן און דר׳ פּאַלאַסיאָס קען אונטערהאַנדלען דירעקט מיט זיי (53).

אין יאַנואַר 1890 האָט די אַליאַנס נאָך נישט געהאַט קיין גענויע באַריכטן פון אַרגענטינע, זי האָט אָבער באַשלאָסן אין איר בולעטין אָפּצודרוקן אַ וואָרענונג קעגן דער געפאַר פון „יעטווידער קאָלעקטיווער עמיגראַציע אין דער אַרגענטינער רעפּובליק" (54). די אַליאַנס האָט עפנטלעך אָנגענומען אַ פּאָרזיכטיקע שטעלונג פון אָפּוואַרטן. דער חודשלעכער אַליאַנס־בולעטין פון סעפּטעמבער 1890 האָט געשריבן, אַז פאַר די פון די 800 עמיגראַנטן, וואָס האָבן נישט געקענט באַצאָלן די 400 פראַנק, איז געזאַמלט געוואָרן געלט. אַז דאָס האָט די אַליאַנס געגעבן דאָס געלט ווערט אין בולעטין גאָרנישט דערמאָנט. דער בולעטין וואָרנט אויך, אַז

נאָך דעם ערשטן דורכפאַל מיט די 800 קאָלאָניסטן דאַרף מען אָפּוואַרטן מיטן דערמוטיקן די עמיגראַציע קיין אַרגענטינע (55). נאָך דעם ווי באַראָן הירש האָט שוין געהאַט אַרויסגעשיקט די מיסיע קיין אַרגענטינע האָט דער יערלעכער בולעטין פון דער אַליאַנס פאַר 1890 געשריבן, אַז דער פּראָיעקט פון באַראָן הירש צו באַזעצן „אַ קליינע צאָל משפחות אין דרום־אַמעריקע איז דערווייל בלויז אַ פּראָיעקט" (56). אויף זיין זיצונג פון 19טן מאַרץ 1890 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַליאַנס נאָך נישט געוווּסט וואָס צו טאָן אין פּרט פון העלפן די קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע (57). אויף אַ זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט (21סטן מיי 1890), האָט מען גערעדט וועגן דעם, אַז בכדי צו העלפן די קאָלאָניסטן וואָלט מען געדאַרפט גרויסע סומעס וואָס עס איז שווער צו באַקומען (58).

4) די מיסיע פון באַראָן הירש קיין אַרגענטינע

אין צווישנצייט האָט דר' וו. לעווענטאַל באַזוכט אַרגענטינע, ווו ער האָט זיך באַקאַנט מיטן מצב פון די יידישע קאָלאָניסטן. ער איז געווען צום ערשטן מאָל אין פּאַלאַסיאָס (23סטן אָקטאָבער 1889), ווו ער האָט געטראָפן בערך 500 יידישע קאָלאָניסטן אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד: אָן עסן, 61 קינדער שוין טויט, אַנדערע אין אַ שטאַרביקן מעמד, אָן אַ דאָקטער און אָן רפואות (59). ער איז באַלד צוריקגעפאָרן קיין בוענאָס־איירעס און ער האָט אַרויסבאַקומען אַ צוזאָג פון דר' פּעדראָ פּאַלאַסיאָס צו פאַרבעסערן זייער מצב. דעם 8טן סעפּטעמבער 1889 האָט דר' לעווענטאַל געשריבן וועגן זיי צו ז. זימעל אין בערלין. צוריקגעקומען קיין אייראָפּע האָט דר' לעווענטאַל דעם פראַנצייזישן אייבער־ראַבינער צדוק כהן איבערגעגעבן אַ פּראָיעקט וועגן שאַפן יידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע. צדוק כהן האָט דעם פּראָיעקט איבערגעשיקט צו דער אַליאַנס. די לעצטע האָט דעם פּראָיעקט איבערגעגעבן אַ ספּעציעלער קאָמיסיע (60).

אין זיין מעמאָראַנדום אַנטוויקלט דר' לעווענטאַל די ווייטערדיקע אידעען: דאָס העלפן די יידן דאַרף נישט טראָגן קיין פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער פון געבן נדבות; זאָל מען גרינדן אַגריקולטור־קאָלאָניעס. אַרגענטינע איז צוגעפּאַסט פאַר דעם צוועק; עס זאָל געשאַפן ווערן אַ „קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט". מיט אָן אַ שיעור פּרטים אַנאַליזירט דר' לעווענטאַל אַלע אַספּעקטן פון דעם פּלאַן, די גרויס פון די קאָלאָניעס, ווי אַזוי צו בויען הייזער, האָדעווען בהמות, די פינאַנציעלע פּראָבלעמען אאַז"וו. זיין אויספיר איז, אַז מען דאַרף געבן יעדער משפחה (אָדער גרופּע פון 10 מענטשן) פון 50 ביז 100 העקטאַר לאַנד, אַ פּראָוויזאָרישע הייזקע, בהמות אד"גל. פאַר איין מיליאָן פראַנק יערלעך קען מען קאָלאָניזירן 100 משפחות (אָדער 1000 פּערזאָן) און מיט 5 מיליאָן פראַנק — 500 משפחות (אָדער

5000 פּערזאָן). היות דער אַרגענטינער קאָלאָניסט וועט קענען צוריקצאָלן דאָס געלט אין 7—10 יאָר, נייטיקט זיך אַ סומע פון 50 מיליאָן פראַנק אויף צו קאָלאָניזירן 5000 פערזאָן יערלעך. דאָס געלט וועט קענען געבן דער באַראָן הירש, וועלכער וועט אַזוי אַרום שאַפן אַ מקום־מקלט פאַר די גערודפטע רוסישע און פּוילישע ייִדן. אָבער די קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט דאַרף נישט טראָגן קיין ריין ייִדישן כאַראַקטער, האָט ער אונטערגעשטראָכן; זי דאַרף גיכער זײַן געבויט אויף ריין פינאַנציעלע יסודות. צווישן די ייִדישע קאָלאָניסטן דאַרף מען באַזעצן אויך אַ געוויסע צאָל שווייצאַרישע, האָלענדישע און אַנדערע פויערים, בכדי די ייִדן זאָלן אונטער זייער אײַנפלוס זיך גיכער קענען צופּאַסן צום נײַעם לעבן.

ווי מיר זעען, האָט לעווענטאַל אין זײַן מעמאָראַנדום געמיינט, אַז מען דאַרף שאַפן געמישטע קאָלאָניעס פון ייִדן און קריסטן. אָבער, ווײַזט אויס, לעווענטאַל האָט גאָר גיך געביטן זײַן מיינונג. שוין אין דעצעמבער 1889 האָט ער געשריבן אין אַ בריוו, אַז אויב ייִדן ווילן אין אַרגענטינע אויפהאַלטן ייִדישקייט, האָבן זייערע בתי־מדרשים, עסן כשרות אד"גל, מוזן זיי אַרבעטן אין קאָמפּאַקטע גרופּעס און נישט פאַרדינגען זיך צו קריסטן. אַנדערש וועלן די ייִדן אומקומען. יעטװעדער אַנדערער אופן פון באַזעצן ייִדן אין אַרגענטינע, האָט לעווענטאַל געשריבן, וועט סוף־כל־סוף דורכפאַלן און אַ דורכפאַל פון דער ייִדישער אימיגראַציע קען דערפירן דערצו, אַז די אַרגענטינער רעגירונג זאָל פאַרמאַכן די טויערן פאַר ייִדן. ד״ר לעווענטאַל האָט עס געשריבן בשייכות מיטן באַקאַנטן אַרויסטריט פון בוענאָס־אײַרעסער ייִדישן זייגערמאַכער זאַן, וועלכער האָט אין דער פּרעסע אָפּגעדרוקט אַ לענגערן בריוו וועגן גורל פון די ייִדישע קאָלאָניסטן (61). וועגן זאַנען האָט לעווענטאַל נישט געהאַט קיין געהויבענע מיינונג. ער האָט עס געשריבן דעם 22סטן דעצעמבער 1889 צו צדוק כהן. גראָד דעמאָלט איז אין דער בוענאָס־אײַרעסער צײַטונג Globe געווען אַ ידיעה, אַז 30.000 רוסישע ייִדן גרייטן זיך קומען קיין אַרגענטינע און שכנות־דיקע לענדער. היות דער עמיגראַציע־קאָמיסאַר האָט געהאַט פאַראָרדנט אַן אויספאָרשונג וועגן מצב פון די ייִדישע אימיגראַנטן האָט לעווענטאַל מורא געהאַט אַז די אַלע געשעענישן קענען דערפירן דערצו, אַז אַרגענטינע וועט אָפּשטעלן די אימיגראַציע פאַר ייִדן.

דעם 23סטן יאַנואַר 1890, האָט די ספּעציעלע קאָמיסיע פון דער אַליאַנס באַשלאָסן, אַז ד״ר לעווענטאַלס פּלאַן צו שאַפן ייִדישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע איז נישט פּראַקטיש. די קאָמיסיע איז אין פּרינציפּ קעגן יעטוועדער מאַסן־עמיגראַציע פון רוסישע ייִדן אין וועלכן עס איז לאַנד. ד״ר לעווענטאַלס פּלאַן וועט נישט קענען רעאַליזירט ווערן אין אַ קליינעם פאַרנעם צוליב די גרויסע הוצאות. דער דאָזיקער באַשלוס פון דער אַליאַנס וואָלט געווייינטלעך געווען גענוג, אַז ד״ר לעווענטאַלס פּראָיעקט זאָל קיין מאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן. אָבער אַחוץ דער

אַליאַנס האָט מיט דר' לעווענטאַלס פּראָיעקט זיך שוין געהאַט פּאַראינטערעסירט אויך דער באַראָן הירש; מ'האָט שוין געוווּסט, אַז אויב לעווענטאַלס פּלאַן זאָל רעאַליזירט ווערן, וועט באַראָן הירש איינער אַליין דעקן אַלע הוצאות. בכן האָט די ספּעציעלע קאָמיסיע פון דער אַליאַנס געקענט בלויז אַרויסזאָגן איר נעגאַטיווע שטעלונג צום פּראָיעקט און האָט באַשלאָסן איבערצושיקן די מיינונג פון דער קאָמיסיע צום באַראָן, מיט דער באַמערקונג, אַז נאָר ער קען דעם פּראָיעקט ענדגילטיק אָפּוואַרפן. די קאָמיסיע האָט זיך אַרויסגעזאָגט בלויז פאַרן שיקן קיין אַרגענטינע איינציקע עמיגראַנטן און פאַרן פאַרבעסערן דעם מצב פון די רוסישע יידן דורך גרינדן בילדונגס- און אַגריקולטור-שולן. היות אין רוסלאַנד איז דאָס — ווי מיר וועלן באַלד זען — שווער געווען דורכצופירן, דאַרף מען יידישע יוגנטלעכע פון רוסלאַנד בילדן אין אויסלענדישע שולן (62). טאַקע צוליב דעם האָט די אַליאַנס דעמאָלט אויסגעברייטערט איר אַגריקולטור-שול אין יפו. אין אַ בריוו פון 29סטן יאַנואַר 1890 האָט דער באַראָן הירש מודיע געווען, אַז אין פּרינציפּ נעמט ער אָן לעווענטאַלס פּראָיעקט. אויך אַ קאָנפערענץ פון יידישע פאַרשטייערס (דעם 20סטן אויגוסט 1890 אין פּאַריז) האָט אַקצעפּטירט דעם פּלאַן (63).

ווייַזט אויס, אַז מיטן באַראָן הירש האָט מען מצד דער אַליאַנס גערעדט, צום ערשטן מאָל, ווען די יידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע סוף יולי 1889 (64). די אידייע פון גרינדן קאָלאָניעס און דאָס רעאַליזירן דעם פּלאַן דורך דער גרינדונג פון דער יק"א איז פאַרן באַראָן הירש נישט געווען אַן אידיי, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל; דער באַדן פאַר אַזאַ אידייע איז שוין געווען צוגעגרייט. נאָך פריִער האָט באַראָן הירש געזוכט מיטלען צו העלפן רוסישע יידן. אַזוי ווי די פירערס פון דער אַליאַנס, וואָס זיינען געווען זיינע ראַטגעבערס (באַראָן הירש איז אַליין געווען אַ מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער אַליאַנס), האָבן געהאַלטן אַז די יידן קען מען העלפן בעיקר דורך פאַרשפּרייטן צווישן זיי בילדונג און אַגריקולטור, האָט דער באַראָן געוואָלט שאַפן יידישע שולן אין רוסלאַנד, אַזוי ווי ער האָט עס געטאָן אין גאַליציע (65). דעם 25/13סטן נאָוועמבער 1887 האָט דער רוסישער צאַר געהאַט אין פּרינציפּ שוין באַשטימט צו אָנערקענען אין רוסלאַנד אַ פאָנד פון באַראָן הירש אויף צו גרינדן און אויסהאַלטן שולן. די אונטערהאַנדלונגען מיט דער רוסישער רעגירונג האָבן אין נאָמען פון באַראָן הירש געפירט דער פראַנצייזישער מאַרקיז d'Alozac און דער אַדוואָקאַט Léonce Lehmann, מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער אַליאַנס. דער באַראָן איז גרייט געווען צו געבן פאַרן פאָנד 50 מיליאָן פראַנק. די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך געצויגן העכער 2 יאָר און זיינען דורכגעפאַלן צוליב אַ ריי פאָדערונגען, וואָס דער באַראָן האָט נישט געקענט אַקצעפּטירן (66). אַזוי אַרום האָט באַראָן הירש דיספּאָנירט מיט זיינע 50 מיליאָן פראַנק אויף צו העלפן די רוסישע יידן און נישט געוווּסט

זוי אַזוי עס צו טאָן (67). פּראָיעקטן האָבן נישט געפעלט, מ׳האָט מיט זיי פאַר־שאַטן דעם באַראָן. דעם 22סטן אויגוסט 1889 שרײַבט איזידאָר לעב צו F. D. Mocatta פון לאָנדאָן װעגן אַ פּראָיעקט צו שאַפן אַ קאָלאָניע פאַר ייִדי־שע עמיגראַנטן אין קאַנאַדע. אין דעם זעלביקן בריװ איז איזידאָר לעב מודיע, אַז באַראָן הירש װיל אײַנלייגן אין ענגלישע בענק אַ טייל פון דער סומע, װאָס ער האָט באַשטימט פאַר די נישט־רעאַליזירטע ייִדישע שולן אין רוסלאַנד (68). װען עס איז אונטערגעקומען דער פּראָיעקט פון דר׳ לעװענטאַל איז דער מאָמענט געװען אַ גינציקער און דער באַראָן האָט אים אַקצעפּטירט. אינטערעסאַנט, אַז שױן אין זײַן מעמאָראַנדום פון 12טן דעצעמבער 1889 צו צדוק כהן שרײַבט דר׳ װ. לעװענטאַל, אַז װאָס שייך די 50 מיליאָן פראַנק, װאָס מען דאַרף אויף צו קאָ־לאָניזירן במשך פון צען יאָר 5000 ייִדן יערלעך אין אַרגענטינע, װאָלט דער באַ־ראָן הירש מסתמא געגעבן דערויף דאָס געלט, װאָס ער האָט געהאַט בדעה צו געבן אויף ייִדישע שולן אין רוסלאַנד. אַרגענטינע װעט װערן אַן אָרט, װוּהין די געדרודפּטע ייִדן פון רוסלאַנד װעלן קענען עמיגרירן (69). דעם 13טן דעצעמבער 1896, אַ טאָג פאַר זײַן טויט, האָט באַראָן הירש געלאָזט שרײַבן אַ בריװ צו אַלעק־סאַנדער איװאַנאָװיטש געאָרגיעװסקי, פּרעזידענט פון װיסנשאַפטלעכן קאָמיטעט אין רוסישן בילדונגס־מיניסטעריום. דער באַראָן דערקלערט טאַקע אין דעם בריװ, אַז צוליבן אָפּזאָג פון דער רוסישער רעגירונג צו לאָזן גרינדן שולן, איז געשאַפן געװאָרן די יק״אַ (70).

עס איז באַשלאָסן געװאָרן צו שיקן אַ מיסיע קײַן אַרגענטינע אויסצופאָרשן דעם מצב פון די ייִדישע קאָלאָניסטן און די מיגלעכקייטן צו גרינדן דאָרט ייִדישע קאָלאָניעס; די הוצאות פון דער מיסיע זײַנען געדעקט געװאָרן דורך באַראָן הירש (71). די מיסיע איז באַשטאַנען פון דר׳ לעװענטאַל, קוליען און װינקעראַי, ביידע נישט קיין ייִדן און ביידע רעקאָמענדירט דורך לעװענטאַלן (72).

װעגן דר׳ װ. לעװענטאַל האָבן מיר שוין דערציילט. טשאַרל עדמאָן קוליען איז געװען אַ מענטש מיט אַ קאַלירפולן עבר, אַ זון פון אַן ענגלישן דאָקטער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל; אין 1871 — 1878 האָט ער געאַרבעט אין בולגאַריע; אין 1888 האָט ער זיך פאַרנומען מיט זאַמלען ידיעות אין די פּראָװינצן, װאָס זײַנען אָקו־פּירט געװאָרן דורך רוסלאַנד און זײַנען געװען פאַרבאָטן פאַר ענגלענדער. אין זעלבן יאָר האָט דער בריטישער קאָנסול אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אים געשיקט אויסצופאָרשן דעם מצב פון פאַרשיידענע געגנטן און העלפן פּליטים; ער האָט מיטגעאַרבעט מיט אינטערנאַציאָנאַלע אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס; אין 1880—1881 איז ער געװען קאָ־מאַנדיר פון דער בריטישער מיליטערישער פּאָליציי אין ציפּערן. קוליען האָט שוין פאַר 1889 זיך געהאַט פאַרנומען מיט עמיגראַציע. אין צפון־מערב פון קאַנאַדע האָט ער געגרינדעט די קאָלאָניע New Goulcha פון רומענישע דײַטשן. אין 1885

האָט ער אַליין באַגלייט 35 דײַטשע עמיגראַנטן קיין קאַנאַדע. אין 1890 איז ער געווען אַן אַגענט פון דײַטשע און קאַנאַדער עמיגראַציע־געזעלשאַפטן (73). ווען מ'האָט אין פּאַריז באַשלאָסן אים צו שיקן קיין אַרגענטינע, האָט קוליען זיך גראָד געפונען אין רומעניע, פון וואַנען ער איז אין אויגוסט 1890 געקומען קיין פּאַריז (74). פון אַרגענטינע האָט ער שפּעטער געשריבן, אַז ער האָט ליב דאָס לאַנד, אָבער נישט די מענטשן (75). וועגן יידישע ענינים האָט קוליען נישט געהאַט קיין שום ידיעה. אין דעם פּרט איז כאַראַקטעריסטיש זײַן באַריכט פון 8טן נאָוועמבער 1891 צו באַראָן הירש וועגן די קאָלאָניעס, וואָס ער לייגט פאָר גרינדן אין אַרגענטינע. פאַר אַדמיניסטראַטאָרן האָט ער פאָרגעלייגט דעם ענגלישן קאָלאָנעל Grantly Norton (מיט וועמען ער האָט זיך געהאַט באַגעגנט אין דער ענגלישער זשאַנדאַרמעריע אין טערקיי), Julio Zambra, געוועזענער אַדמיניסטראַטאָר פון דער קאָלאָניע Nueva Piamonte, און נאָך אַן ענגלישן אָפיציר. אין זײַן לאַנגן באַריכט ווערט קיין איין מאָל נישט דערמאָנט, אַז עס האַנדלט זיך אין גרינדן קאָלאָניעס פאַר יידן. אַ טייל פון זײַנע באַמערקונגען (שיכרות אד"גל) ווײַזן קלאָר, אַז ער האָט בכלל נישט געקענט די רוסישע יידן (76). ערנסט ווינקעראַי איז געווען אַ קאָלאָנעל אין דער בעלגישער אַרמיי. אין 1884 איז ער געווען אין אַרגענטינע. אין מאָמענט ווען מ'האָט אין פּאַריז באַשלאָסן אים צו שיקן קיין אַרגענטינע, האָט ווינקעראַי זיך געפונען אויף מאַנעווערס פון דער בעלגישער אַרמיי (77).

קוליען האָט אין לאָנדאָן אײַנגעקויפט אַלדאָס נייטיקע פאַר דער עקספּעדיציע. לעווענטאַל האָט געזאָלט פאַרבלײַבן אין בערלין ביזן 19טן אָקטאָבער 1890. ווינקעראַי איז דעם 20סטן אָקטאָבער אָנגעקומען קיין פּאַריז. לעווענטאַל איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיטן אָפּהאַלטן באַראַטונגען און זוכן רעקאָמענדאַציעס קיין אַרגענטינע. דעם 19טן אָקטאָבער 1890 האָט ער געגעסן מיטאָג מיטן געהילף פון דײַטשן אויסערן־מיניסטער, וואָס האָט אים מיטגעגעבן רעקאָמענדאַציעס; ער האָט אויך געהאַט אַ רעקאָמענדאַציע פון אַרגענטינער קאָנסול אין בריסעל צום אַרגענטינער פּרעזידענט א"אַנד רעקאָמענדאַציעס (78). דעם 24סטן אָקטאָבער 1890 האָט די מיסיע פאַרלאָזט גענוא מיט דער שיף Nord America. אויף דער זעלבער שיף איז אויך געפאָרן דער נײַער דײַטשער קאָנסול אין בוענאָס־אײַרעס Kraud, וועלכער האָט צוגעזאָגט דער מיסיע זײַן הילף. אויף דער שיף האָט די מיסיע אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען (79). דעם 12טן נאָוועמבער איז די מיסיע אָנגעקומען קיין בוענאָס־אײַרעס.

דר' לעווענטאַל און זײַנע צוויי באַגלייטער האָבן געהאַט די אויפגאַבע נישט נאָר אויסצופאָרשן דעם מצב פון די יידישע קאָלאָניסטן, נאָר אויך צו קויפן שטחים ערד אויף צו גרינדן קאָלאָניעס. זיי האָבן געמוזט אָפּהיטן דעם תנאי אַז דער פּרײַז

זאָל נישט זײַן איבערגעטריבן. דאָס איז צו זען קלאָר פון לעווענטאַלס אַ בריוו פון 26סטן אָקטאָבער 1890, געשריבן אויף דער שיף (80). לעווענטאַל האָט נאָך אין אייראָפּע אָפּגעגעבן אַ סך צײַט אויף אויסצופאָרשן די מיגלעכקייטן פון קויפן ערד. אַ ווײַלע איז מען געווען באַאומרויִקט צוליב די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין בוענאָס־אײַרעס אין יולי 1890. אָבער לעווענטאַל האָט געהאַלטן, אַז דווקא אַ דאַנק די געשעענישן וועט מען קענען קויפן ביליקער גוטע ערד (81). אמת, דעם 17טן יאַנואַר 1891 איז דער באַראָן הירש נאָך נישט געווען זיכער, צי ער זאָל קויפן לאַנד אין אַרגענטינע. אין דעם זין האָט ער טעלעגראַפירט דער מיסיע (82). אָבער דאָס איז געווען צוליבן הויכן פּרײַז פון ערד; אין פּרינציפּ איז זײַן מיינונג שוין געווען אַ פעסטע יאָ צו גרינדן קאָלאָניעס. דעם 5טן אויגוסט 1891 שרײַבט באַראָן הירש צו דער אַליאַנס, אַז מען דאַרף נישט פאַרלירן קײַן צײַט אויף פּרטים (בײַם גרינדן די יק״א) אויב מען וויל האָבן די מיגלעכקייט צו קאָנטראָלירן די עמיגראַציע, וועלכע וואַקסט כסדר (83).

לאָמיר אונטערשטרײַכן: לכתחילה האָט מען נישט געהאַט אין זינען דווקא אַרגענטינע. מ׳האָט געפאָרשט מיגלעכקייטן צו באַזעצן ייִדן אויך אין אַנדערע דרום־אַמעריקאַנער לענדער. אויב אַרגענטינע איז געווען אַקטועלער, איז ווײַל עס האָבן זיך דאָרט שוין געפונען די 800 קאָלאָניסטן און מ׳האָט געמוזט עפּעס טאָן פאַר זיי. אין אַפּריל 1890 האָט דר׳ לעווענטאַל אָנגעפרעגט בײַ Heisecke, אַ באַקאַנטער סוחר און גענעראַל־קאָנסול פון עסטרײַך און האָלאַנד אין פּאַראַגווײַ, צי מען וואָלט דאָרט נישט געקענט באַזעצן אויפן חשבון פון דער פּאַראַגווײַער רעגירונג די רוסיש־ייִדישע קאָלאָניסטן, וואָס געפינען זיך איצט אין פּאַלאַסיאָס. די פּאַראַגווײַער רעגירונג האָט געגעבן אַ פּאָזיטיווע תשובה (84). אין איינעם פון זײַנע בריוו (13טן מײַ 1890) רעדט לעווענטאַל וועגן מיגלעכקייטן צו קאָלאָני־זירן ייִדן אין פּאַראַגווײַ, טשילע און אורוגווײַ. דר׳ לעווענטאַל האָט אַפילו גע־פירט אונטערהאַנדלונגען וועגן קאָלאָניזאַציע־מיגלעכקייטן אין אַפריקע. אין אַ בריוו פון בערלין (17טן אָקטאָבער 1890), שרײַבט ער וועגן אַ לאַנגער באַראַ־טונג, וואָס ער האָט געהאַט אין בערלין מיט פּאָל פרידמאַן, וועלכער זוכט צו קאָ־לאָניזירן אַ קליינע גרופּע רוסישע ייִדן אין עגיפּטן. פרידמאַן — שרײַבט ער — טראַכט וועגן אַ ייִדישער קאָלאָניע פון אַ מיליטערישן כאַראַקטער בכדי אויפצו־וועקן דעם נאַציאָנאַלן סענטימענט פון די ייִדן. אָבער לעווענטאַל צווייפלט אין די רעזולטאַטן פון פרידמאַנס פּרווו צוליבן שווערן קלימאַט אין דעם טייל עגיפּטן, וואָס ער האָט אויסגעקליבן (85). אויך דער בולעטין פון דער אַליאַנס האָט געשריבן, אַז די מיסיע, וואָס באַראָן הירש האָט געשיקט קײַן אַרגענטינע האָט געדאַרפט אויספאָרשן די קאָלאָניזאַציע־מיגלעכקייטן נישט נאָר אין אַרגענטינע, נאָר אויך אין די שכנותדיקע לענדער (86). די מיסיע האָט טאַקע געזוכט אויך אַנ־

דערע לענדער. אין זייערע באַריכטן שרײַבן זיי, אַז דעם 28סטן נאָוועמבער 1890 זײַנען לעווענטאַל און ווינקעראַי אָנגעקומען קיין מאָנטעווידעאָ, אין זעלבן טאָג נאָך זײַנען זיי אויפגענומען געוואָרן דורכן אויסערן־מיניסטער און אויך צו מאָרגנס דורכן פרעזידענט. אין באַריכט פון 29סטן נאָוועמבער 1890 שרײַבן זיי, אַז זיי האָפן צו דערגרייכן אַ רעזולטאַט, הגם גוט לאַנד קאָסט דאָרט טייער. די אייראָ־פעיִשע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך געזוכט מיגלעכקייטן צו קאָלאָניזירן ייִדן אין פאַרשיידענע דרום־אַמעריקאַנישע לענדער. דער קאָמיטעט פון דײַטשע ייִדן צו העלפן די עמיגראַנטן פון רוסלאַנד (Deutsches Central Komitee für die russischen Juden) האָט אין 1891 געשיקט קיין בראַזיל אַ ספּעציעלן מענטשן (Oswald Boxer) אויסצופאָרשן דאָרט די קאָלאָניזאַציע־מיגלעכקייטן (87).

אין אַרגענטינע האָט די מיסיע אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס נישט נאָר צווישן די ייִדן, נאָר אויך צווישן די לאַנדבאַזיצערס, וואָס האָבן געוואָלט פאַר־קויפן ערד. אין זייער בריוו פון 29סטן נאָוועמבער 1890 בעט די מיסיע, אַז מען זאָל אַדרעסירן די בריוו נישט צו דר׳ לעווענטאַל, ווײַל מען קען נאָך עפענען די בריוו, נאָר צום דײַטשן קאָנסול אין בוענאָס־אײַרעס. לעווענטאַל האָט פאַרן אָפּפאָרן פון דער מיסיע קיין אַרגענטינע אויסגעאַרבעט אַ מעטאָד פון שיקן שיפרירטע באַריכטן (88). דעם 14טן דעצעמבער 1890 האָט די מיסיע באַזוכט די ייִדישע קאָלאָניסטן אין פאַלאַסיאָס (89). לויט איין רשימה זײַנען אין דער קאָלאָניע געווען 78 ייִדישע קאָלאָניסטן־משפחות, לויט אַן אַנדער רשימה בלויז 68 מישפחות. לויט דער צווייטער רשימה האָבן די 68 משפחות געהאַט אָפּ־געדונגען בײַ דר׳ פעדראָ פאַלאַסיאָס 4350 העקטאַר לאַנד. פון די 68 משפחה־קעפּ האָבן בלויז 3 נישט געהאַט קיין פרויען און 7 פאַרפעלקער האָבן נישט געהאַט קיין קינדער. אין די איבעריקע 61 משפחות זײַנען געווען 269 קינדער (158 ייִנגלעך און 111 מיידלעך). עס זײַנען געווען 48 משפחות צו 6 נפשות און מער (90). די מיסיע האָט געגנוי באַשריבן דעם מצב פון די קאָלאָניסטן, תמיד אין אַ פרײַנדלעכן טאָן לטובת זיי. דאָס וויכטיקסטע וואָס די מיטגלידער פון דער מיסיע, בעיקר לעווענטאַל, האָבן געקענט תיכף אויפטאָן, איז געווען צו אָרגאַניזירן אַ ראַט פון די קאָלאָניסטן און געבן הילף אַ פאָר אָרעמע משפחות. אין באַריכט פון 3טן יאַנואַר 1891 שרײַבן זיי, אַז אין די געהעריקע באַדינגונגען קענען די רוסישע ייִדן זײַן וווּנדערבאַרע קאָלאָניסטן (91). דר׳ פאַלאַסיאָס האָט פאָרגעלייגט צו פאַר־קויפן די קאָלאָניע אין וועלכער די קאָלאָניסטן האָבן געאַרבעט פאַר 20.000 פע־זעס (100.000 פראַנק), אָבער די מיסיע איז מסכים געווען אָפּצוקויפן גראָד אַ שטיק ערד בשכנות פון דער קאָלאָניע. דר׳ פאַלאַסיאָס איז נישט געווען דער איינ־ציקער וואָס איז גרייט געווען צו פאַרקויפן לאַנד דעם באַראָן הירש (92). לכת־חילה האָט דר׳ פעדראָ פאַלאַסיאָס געהאַט צוגעזאָגט דער מיסיע צו פאַרבעסערן

דעם מצב פון די קאָלאָניסטן, אָבער ער האָט נישט געהאַלטן קיין איינעם פון די צוזאָגן. לעווענטאַל האָט עס געזען בעת זײַנעם א נײַעם באַזוך אין דער קאָלאָניע, סוף פעברואַר 1891. אין באַריכט פון דעם באַזוך שטעלט די מיסיע פעסט, אַז דר' פּאַלאַסיאָס האַלט נישט זײַנע צוזאָגן; דער שניט פון די קאָלאָניסטן איז פאַר־ניכטעט געוואָרן; אפילו די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן שוין געהאַט באַצאָלט דעם דר' פּאַלאַסיאָס א טייל פון פרײַז פאַרן לאַנד, האָבן אויך אַלץ פאַרלוירן. דר' פּאַ־לאַסיאָס פאַרמאָגט נישט קײַן שום קאַפּיטאַל און ער וועט סײַ ווי נישט קענען העלפן די קאָלאָניסטן. לעווענטאַל האָט פאַרגעלייגט די קאָלאָניסטן צו גרינדן א קאָאָפּעראַטיוו און צוגעזאָגט צו באַקומען פאַר זיי הילף פון באַראָן הירש. דר' לעווענטאַל איז דער ערשטער פון אַלע דרײַ מיטגלידער פון דער מיסיע אָפּגעפאָרן צוריק קײַן אייראָפּע אונטערהאַנדלען מיטן באַראָן הירש וועגן קויפן לאַנד (93). דערנאָך איז אויך צוריקגעפאָרן דער קאָלאָנעל, מיט וועמען קוליען האָט נישט געקענט אויסקומען (94). די ווײַטערדיקע געשעענישן זײַנען באַקאַנט: פון אַלע פּראָיעקטירטע לענדער איז אין אַרגענטינע געווען צום לײַכטסטן צו גרינדן קאָלאָניעס און דער באַראָן הירש איז דערבײַ געבליבן — עס איז געשאַפן גע־וואָרן די יִקא. אפילו שוין נאָך דער גרינדונג פון דער יִקא האָט מען פאַרשאַטן דעם באַראָן מיט כלערליי פּראָיעקטן פון קאָלאָניזאַציע אין פאַרשיידענע לענדער, אָבער דער באַראָן איז סוף־כל־סוף געבליבן בײַם באַשלוס זיך צו באַגרענעצן מיטן אַרגענטינער פּלאַן און איבערלאָזן אַלע אַנדערע פּראָיעקטן פאַר אַנדערע אָרגאַ־ניזאַציעס. א. לעב האָט עס געשריבן גאַנץ קלאָר בתשובה אויף א פּראָיעקט פון Lewis Emanuel פון לאָנדאָנער Board of Deputies פון ענגלישע יידן, וואָס האָט דעם 7טן סעפּטעמבער 1891 געבעטן פאַרלייגן דעם באַראָן הירש א פּראָיעקט פון קאָלאָניזאַציע אין קאַליפאָרניע (95).

5) די דיסקוסיע צווישן באַראָן הירש און דער אַליאַנס בעת דער גרינדונג פון דער יִקא

א צײַט האָט די אַליאַנס זיך נאָך פאַרנומען מיט די עמיגראַנטן, וואָס זײַנען געפאָרן קײַן אַרגענטינע. דעם 22סטן אָקטאָבער 1890 האָט זי אַרויסגעשיקט א ווענדונג צו אַלע שיפס־געזעלשאַפטן און געבעטן בײַ זיי ידיעות וועגן דעם שיף־פאַרקער צווישן אייראָפּע און אַרגענטינע (96). אין פאַלן פון שיקן עמיגראַנטן קײַן אַרגענטינע איז דער פּרינציפּ פון דער אַליאַנס געווען פונקט אַזאַ ווי בײַם שיקן, פון 1881 אָן, עמיגראַנטן אין די פאַראייניקטע־שטאַטן: זיך באַמיִען צו שיקן בלויז געזונטע עמיגראַנטן און פאַכלײַט. דעם 3טן יולי 1891 האָט די אַליאַנס טעלעגראַפירט צום האַמבורגער קאָמיטעט פאַר רוסישע יידן, אַז זי דערלויבט שיקן 200 עמיגראַנטן קײַן אַרגענטינע, אָבער דער אויסוואַל זאָל זײַן א שטרענ־

גער (97). אויך דער לאָנדאָנער „רוסיש־יידישער קאָמיטעט" האָט אין אַ באַריכט פון דעצעמבער 1891 זיך אַרויסגעזאָגט אין פּרינציפּ פאַר קאָלאָניזאַציע אין אַר־גענטינע בתנאי, אַז מען זאָל מאַכן אַ גוטן אָפּקלייב פון די עמיגראַנטן. גרעסע־רע עמיגראַציע־פּראָיעקטן קיין אַרגענטינע זיינען שוין איבערגעלאָזן געוואָרן פאַר דער איניציאַטיוו פון באַראָן הירש (98). וואָס שייך דאָס קויפן לאַנד אין אַרגענטינע, וויפל לאַנד, אפילו וויפל עמיגראַנטן צו שיקן — דאָס אַלץ האָט גאָר גיך שוין גע־קענט באַשטימען נאָר דער באַראָן הירש אַליין. איזידאָר לעב, דער סעקרעטאַר פון דער אַליאַנס וואָס האָט צוגעגרייט דאָס שיקן די מיסיע קיין אַרגענטינע, האָט געשריבן דעם 9טן יאַנואַר 1891 צו דער מיסיע, אַז אַלע באַריכטן און פּראָיעקטן גיט ער איבער דעם באַראָן הירש; ער אַליין קען גאָרנישט באַשטימען (99).

די עמיגראַציע פון די העכער 800 קאָלאָניסטן, די מיסיע וואָס באַראָן הירש האָט געשיקט קיין אַרגענטינע און די גרינדונג פון דער יק"א זיינען געווען געשעע־נישן אין וועלכע די אַליאַנס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל, זיי זיינען געווען אַ ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון דער אַליאַנס. די היסטאָריקער פון יידישער עמיגראַציע האָבן עד־היום דעם ענין נישט באַרירט.

פון תמיד אָן האָט די אַליאַנס זיך געהאַלטן ביים פּרינציפּ פון נישט זוכן צו פאַרבעסערן דעם מצב פון יידן אין וועלכן עס איז לאַנד דורך אויסוואַנדערונג, נאָר דורך פאַרלייכטערן די לאַגע פון יידן אויפן אָרט גופא, מיט דער הילף פון פּאָליטישע אינטערווענצן, שתדלנות און פאַרשפּרייטן מאָדערנע אייראָפּעישע ביל־דונג — מיט אַ פראַנצייזישן איינפלוס. אַזאַ איז אויך געווען דער פּרינציפּ וואָס די אַליאַנס האָט געוואָלט אָנגעמען אין באַצוג צו די יידן אין רוסיש־פּוילן און רומעניע. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע גרויסע אויסוואַנדערונג פון רו־סישע יידן אין 1881 האָט די אַליאַנס באַין ברירה געמוזט העלפן די עמיגראַנטן; אָבער זי האָט תמיד זיך אויסגעהיט פון שאַפן אַ פּרעצעדענט, וואָס זאָל מאַכן דעם איינדרוק, אַז זי זוכט צו לייזן דעם יידן־פּראָבלעם אין רוסלאַנד דורך אויס־וואַנדערונג. אַזאַ איז אויך געווען די שטעלונג פון דער „אַנגלאָ דזשויש אַסאָ־סייישן", פון דער ווינער אַליאַנס און פון אַנדערע גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע, און אויך אין די פאַראייניקטע־שטאַטן. איינע פון די הויפּט־סיבות וואָס האָבן געשטויסן די דאָזיקע אייראָפּעישע יידישע אָרגאַניזאַציעס אָנצונעמען אַזאַ שטעלונג איז געווען די מורא, אַז אַ טייל פון די יידישע עמיגראַנטן קענען זיך נאָך אָפּשטעלן און זוכן צו באַזעצן זיך אין די מערב־ און צענטראַל־אייראָ־פּעישע לענדער. אין אַלע באַמיונגען פון די אָרגאַניזאַציעס צו געפינען נייע אי־מיגראַציע־צענטערן, אַחוץ צפון־אַמעריקע, איז געווען אַ רייד וועגן באַזעצן די עמיגראַנטן וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזט זייערע היימען און ערגעץ ווו האָט מען זיי געמוזט שיקן. אַנדערש איז אָבער געווען מיט דער מיסיע, וואָס באַראָן

הירש האָט געשיקט קײַן ארגענטינע און מיט דער גרינדונג פֿון דער יק״א. דאָס האָט געהייסן אַזוי גוט ווי פֿאַרבעטן די רוסישע ייִדן אויסצוואַנדערן, צו אָנערקענען, אַז אויסוואַנדערונג איז דאָס בעסטע מיטל אויף צו לייזן די ייִדן־פּראָבלעם אין רוסלאַנד. אויף דעם האָט די אַליאַנס זיך נישט געקענט באַשליסן.

פֿון אַ בריוו, וואָס באַראָן הירש האָט געשריבן דעם 8טן אויגוסט 1891 צום בערלינער צענטראַל־קאָמיטעט פֿאַר רוסישע ייִדן, איז צו זען, אַז ער איז פֿאַרשאַטן געוואָרן מיט כּלערליי פּראָיעקטן פֿון קאָלאָניזאַציע אין סיריע, מעקסיקע, בראַזיל, קאַנאַדע, מיטל־אַזיע און אַנדערע לענדער. וואָס שייך אַרגענטינע האָט דר׳ לעווענטאַל אים געשריבן פֿון בוענאָס־אײַרעס, אַז ער איז נאָך נישט גרייט אויפֿצונעמען קײַן גרויסע גרופּן עמיגראַנטן. אין 6 חדשים אַרום, האָפֿט דער באַראָן הירש, וועט אַרגענטינע שוין קענען אויפֿנעמען אַ טייל עמיגראַנטן. דער בריוו איז כאַראַקטעריסטיש בעיקר דערמיט, וואָס אין אָנבליק פֿון די גרויסע שוועריקייטן בײַם פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער רוסישער רעגירונג, די שלעכטע ידיעות וואָס קומען אָן פֿון די אימיגראַנטן און פֿאַרשיידענע לענדער, דאָס זוכן צו פֿאַרמאַכן פֿאַר עמיגראַנטן די טויערן פֿון די פֿאַראייניקטע־שטאַטן אאז״וו, האַלט דאָך דער באַראָן הירש, אַז מען דאַרף נישט אָפּשטעלן די עמיגראַציע. ער וויל בלויז 5—6 חדשים צײַט אויף צוצוגרייטן מיגלעכקייטן אויפֿצונעמען די עמיגראַנטן (100).

אין דער זעלבער צײַט זײַנען פֿאַרגעקומען אַ פּאָר וויכטיקע געשעענישן אין די קרײַזן וואָס האָבן אָנגעפֿירט מיט דער אָרגאַניזירטער עמיגראַציע. אויב אין דער בראָדער תּקופֿה פֿון 1881 — 1882 האָט די פּאַריזער אַליאַנס אָנגעפֿירט מיטן אָרגאַניזירטן טייל עמיגראַציע פֿון די רוסישע ייִדן, האָט איצט די אַליאַנס אָנגעהייבן פֿאַרלירן די קאָנטראָל איבער דער עמיגראַציע וואָס איז אַריבער אין די הענט פֿון בערלינער קאָמיטעט און לאָקאַלע דײַטשע קאָמיטעטן. זיי זײַנען געווען פּראַקטישער און האָבן אָנערקענט דעם פֿאַקט, אַז מען וועט סײַ ווי סײַ נישט זײַן בכּוח אָפּצושטעלן דעם עמיגראַציע־שטראָם, בכן איז בעסער די עמיגראַציע צו אָרגאַניזירן, אויב אפֿילו בלויז בכדי אַ טייל פֿון די עמיגראַנטן זאָל זיך אַמאָל נישט באַזעצן אין צענטראַל־ און מערב־אייראָפּע וואָס דאַרפֿן דינען נישט מער ווי דורכפֿאַר־פּונקטן. אַ קאָנפֿערענץ וואָס איז פֿאָרגעקומען אין פּאַריז, דעם 10טן אָקטאָבער 1890, מיטן אָנטייל פֿון פֿאָרשטייערס פֿון בערלין, קעלן, פֿראַנקפֿורט, האַמבורג, לאָנדאָן, ניו־יאָרק און דער פּאַריזער אַליאַנס, האָט באַשלאָסן: שאַפֿן גרענעץ־קאָמיטעטן בכדי צו מאָדערירן ("modérer") די ייִדישע עמיגראַציע פֿון רוסלאַנד; צו זוכן נײַע אימיגראַציע־לענדער; אין אָנבליק פֿון דער געפֿאַר פֿון אַ נײַער מאַסן־עמיגראַציע אַזוי ווי אין 1881 — 1882 איז געוואונטשן, אַז דאָס אָרגאַניזירן און אָנפֿירן מיט דער עמיגראַציע־אַרבעט זאָל איבערגעגעבן ווערן דער אַליאַנס. וועגן אָר־

גענטינע ווערט אין די רעזאלוציעס פון דער קאנפערענץ גארנישט דערמאנט (101). אבער עס איז שווער געווען אויסצומיידן קאנפליקטן צווישן דער אליאנס און די יידישע קאמיטעטן פון אנדערע לענדער, בעיקר אין דייטשלאנד און עסטרייך. אַ זאַך איז אין דעם שולדיק געווען דער אנטאגאניזם צווישן דער אליאנס, וואס איז געווען בעיקר א פראנצייזיש־יידישע ארגאניזאציע, די יידן פון דייטשלאנד־עסטרייך, וואס האבן צוליב דעם פיינט געהאט די אליאנס, און די ענגלישע יידן וואס האבן אויך געזוכט צו זיין אומאפהענגיק פון דער „פראנצייזישער" אליאנס (101א).

די גאנצע קאנצעלארישע ארבעט פון צוגרייטן דאס גרינדן די יקא איז געמאכט געווארן אין פריוואטן פילאנטראפישן ביורא פון באראן הירש, ווו עס האט געארבעט דר' י. זאנגנפעלד (102) און אין די ביוראען פון דער פאריזער אליאנס ווו דער ראבינער און היסטאריקער איזידאר לעב (Isidore Loeb, 1839—1892) איז געווען גענעראל־סעקרעטאר. ער איז געווען די אמתע נשמה פון דער אליאנס אין יענע יארן און דער נאענטסטער ראטגעבער פון באראן הירש. אין פעברואר 1891 האט דער צענטראל־קאמיטעט פון דער אליאנס באשטימט, אז דר' זאנגנפעלד זאל, ווי דעם באראן הירשס פארשטייער, קענען אנטיילנעמען אין די זיצונגען פון דער אליאנס (103). נאכן שאפן די יקא האט די פאריזער אליאנס אין א בריוו צו די וויכטיקסטע יידישע קהילות, ארגאניזאציעס און פערזענלעכקייטן פארגעשטעלט דעם קאלאניזאציע־פלאן פון באראן הירש און געבעטן ביי זיי זייער שטיצע פארן פלאן (104). אין דער אליאנס איז מען דעריבער געווען נישט איבעריק צופרידן מיט דעם, וואס די אינסטיטוציע האט ביסלעכווייז אנגעהויבן שפילן א צווייט־ראנגיקע ראל אין דער ארגאניזירטער עמיגראציע־ארבעט; מ'איז אויך נישט געווען צופרידן מיטן אופן ווי אזוי עס איז אוועק דאס גרינדן די יקא. דער בערלינער קאמיטעט האט אנגעהויבן פאדערן מען זאל אים איבערגעבן די פאנדן, וואס זיינען געזאמלט געווארן פאר עמיגראציע־צוועקן און זיינען געלעגן אין דער אליאנס (105).

די רוסישע רעגירונג האט דערווייל דערלויבט אנצופירן אין רוסלאנד די עמיגראציע־ארבעט פון באראן הירש. דער באראן האט גאנץ גוט געוווסט, אז די רוסישע רעגירונג וויל פטור ווערן פון יידן. אבער מען האט געדארפט וויזן אז דער עמיגראציע־פלאן פון באראן הירש איז נישט קיין אינדיווידועלער פלאן פון א יחיד, נאר אן ארגאניזירטע כלל־ישראלדיקע אקציע. דער באראן האט געוואלט דעמאנסטראטיוו וויזן דער רוסישער רעגירונג ווי ערנסט מען מיינט מיט דער עמיגראציע. צו דעם צוועק האט ער געפלאנט צו שאפן א צענטראל־קאמיטעט פאר דער עמיגראציע פון רוסישע יידן אין וועלכן אלע יידישע ארגאניזאציעס זאלן זיין אנגעשלאסן. דער באראן האט פארגעלייגט דער אליאנס ארויסצושיקן א צירקולאר רעדאקטירט אין דעם גייסט (106). דאס זעלביקע האט ער געשריבן דעם

15טן יולי 1891 צום בערלינער קאָמיטעט: נאָר דעמאָלט װעלן אױפהערן די רדי־פות אױף ייִדן, װען די רוסישע רעגירונג װעט זען, אַז די ייִדישע װעלט מײנט ערנסט מיטן אָרגאַניזירן די עמיגראַציע (107). אָבער — אױב איך מאַך נישט קײן טעות — איז דער צירקולאַר, אַזױ װי דער באַראָן האָט אים געװאָלט זען, קײן מאָל נישט אַרױסגעשיקט געװאָרן. די אַליאַנס איז, זיכער, נישט מסכים געװען אױף אַזאַ דעמאָנסטראַטיװן אופן צו לײזן דאָס רוסישע ייִדן־פּראָבלעם דורך עמי־גראַציע. אױב מען זאָל משפּטן לױט די דאָקומענטן, װאָס זײַנען, צום גליק, פאַר־בליבן, האָט די אַליאַנס אַרױסגעשיקט אַ צירקולאַר אין אַ סך אַ מילדערן טאָן. אין דעם צירקולאַר איז נישטאָ קײַן שום רײד װעגן מאַניפעסטירן דעם ייִדישן װילן צו העלפן רוסישע ייִדן עמיגרירן (108).

עס איז נישט געלונגען צו שאַפן קײַן ברײטע ייִדישע אָרגאַניזאַציע, װי דער באַראָן האָט עס געװאָלט. דער קאָנפליקט מיט דער אַליאַנס האָט זיך דעריבער פאַרשטאַרקט און עס איז געשאַפן געװאָרן די יִקא, אַן אָרגאַניזאַציע װאָס האָט געטראָגן אַ מער „פּריװאַטן" כאַראַקטער, אָבער דאָס איז נישט געװען דעם באַ־ראָנס שולד, װי מיר האָבן געזען. דעם 3טן אױגוסט 1891 האָט דער באַראָן הירש זיך אױפריכטיק דורכגעשמועסט װעגן דער לאַגע אין אַ בריװ צו א. לעב. צוליב אַ גאַנצע רײ „פּאָליטישע" סיבות — שרײַבט דער באַראָן — װיל די אַליאַנס נישט שפּילן דירעקט קײַן שום ראָל אין אָרגאַניזירן די עמיגראַציע פון ייִדן פון רוסלאַנד. די אַליאַנס האָט מורא, אַז דורך איר אָרגאַניזירן די עמי־גראַציע װעט זי אַקצעפּטירן די רוסישע פּאָליטיק פון װעלן פּטור װערן פון ייִדן. באַראָן הירש שטעלט אָבער פעסט אַ געשעענעם פאַקט — דאָס אַרױסשיקן ייִדן פון אַ טײל רוסישע פּראָװינצן און אַז מען מוז זײ העלפן. די אַליאַנס װיל עס נישט טאָן, זי נעמט אױף זיך אַ צװײטראַנגיקע ראָל — דאָס איז צו פאַרשטײן צוליב דער שטעלונג פון דער אַליאַנס. אָבער זאָל די אַליאַנס זיך נישט פילן באַלײדיקט, אױב אַנדערע גײען אַרױס פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט און נעמען יאָ אַן אַ פירנ־דיקע ראָל בײַם אָרגאַניזירן די עמיגראַציע. מען קען נישט כסדר, בײַם אונטערנע־מען װאָסער עס איז אַקציע, פּרוּװער טראַכטן, צי די אַליאַנס װעט זיך נישט פילן באַלײדיקט. באַראָן הירש זעט פאַר בלױז צװײ אַלטערנאַטיװן: די אַליאַנס זאָל ערלעך אָנערקענען די פאַקטישע לאַגע און זיך שטעלן בראש פון אָרגאַניזירן די עמיגראַציע, אָדער זי אַקצעפּטירט נישט דעם מצב אַזאַ װי ער איז. דעמאָלט זאָל די אַליאַנס זיך אַלײן אַװעקשטעלן אין אַ זײַט און לאָזן אַרבעטן די יעניקע (קאָ־מיטעטן אין דײַטשלאַנד), װאָס פירן ענערגיש אָן מיט דער אַרבעט; זאָל די אַליאַנס זײ העלפן און נישט שטערן. פאַרקערט, די אַליאַנס דאַרף זײַן צופרידן דערפון, װאָס אין בערלין האָט זיך געפונען אַן ענערגישע גרופּע מענטשן, װאָס װיל אָנ־פירן מיט דער עמיגראַציע; מען דאַרף לאָזן דעם בערלינער קאָמיטעט די פולסטע

פּריוואַטהייט פון אַקציע. אפשר איז גאָר בעסער אַזוי אין די אינטערעסן פון די אונטערהאַנדלונגען מיט דער רוסישער רעגירונג, וואָס קוקט מיט אומחן אויף דער פּאַריזער אַליאַנס. מען דאַרף אויך נאָכגעבן די פאָדערונג פון בערלינער קאָמיטעט וועגן עמיגראַציע־פאָנד, וואָס ליגט אין דער אַליאַנס. די אַליאַנס האָט געענטפערט דעם באַראָן הירש אין אַ גאַנץ קורצן און העפלעכן בריוו אין וועלכן זי מיידט אויס צו דיסקוטירן מיט אים. זי פאַרזיכערט דעם באַראָן, אַז זי וועט אים העלפן און, אַז דער בערלינער קאָמיטעט קען זיך תמיד ווענדן צו דער אַליאַנס נאָכן געלט (109).

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז די אַליאַנס תמיד געשטאַנען אין אַ נאָענטער פאַרבינדונג מיט דער יק"א, זי האָט באַאיינפלוסט אַ טייל באַשלוסן פון דער יק"א. נאַרסים לעווען, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אַליאַנס נאָך איזידאָר לעב'ס טויט, איז אַ צייט געווען פּרעזידענט פון דער יק"א. אָבער אין עמיגראַציע־ענינים איז די אַליאַנס שוין געשטאַנען אין אַ זייט. אמת איז, אַז די יק"א־אַדמיניסטראַטאָרן אַליין האָבן גאָר גיך איבערגענומען טייל פּרינציפּן פון דער אַליאַנס און כסדר געזוכט איינצוהאַלטן דעם עמיגראַציע־שטראָם.

דער באַראָן הירש אַליין האָט קורץ פאַר זיין טויט אויך טיילווייז געביטן זיין אידעע וועגן דער יק"א און איר קאָלאָניזאַציע־אַרבעט, אָבער נישט ווייל ער זאָל האָבן אָנגעהויבן צווייפלען אין דעם פאַקט, אָדער אין דער נויטווענדיקייט פון אַ גרעסערער עמיגראַציע פון רוסישע יידן. אין אַ נאָטיץ פון 13טן מאַרץ 1896 צו דער דירעקציע פון דער יק"א בשייכות מיטן בייטן אַ פּונקט אין די סטאַטוטן, דערקלערט באַראָן הירש בפירוש, אַז די יק"א איז געגרינדעט געוואָרן מיטן ציל — און האָט ווייטער דעם ציל — אַרויסצורופן די עמיגראַציע פון יידן פון רוסלאַנד און אַזיע (110). שפּעטער האָט דער באַראָן דורכגעמאַכט אַ טיפן מאָראַלישן קריזיס אין זיין באַציִונג צו דער אינסטיטוציע, וועלכע ער האָט געגרינדעט אין 1891. אין דעם פּרט איז שטאַרק כאַראַקטעריסטיש די דיסקוסיע צווישן באַראָן און זיין לאָנדאָנער אַדוואָקאַט לוסאַדאַ (Losada) קורץ פאַרן באַראָנס טויט וועגן בייטן טייל פּונקטן אין די סטאַטוטן פון דער יק"א. אין יאַנואַר 1896 שרייבט דער באַראָן, אַז ער גלייבט נישט מער, אַז די יק"א זאָל קענען רעאַליזירן איר פּראָגראַם אין אַ ברייטן מאַסשטאַב (111). לוסאַדאַ האָט אויפמערקזאַם געמאַכט דעם באַראָן, אַז די יק"א איז געשאַפן געוואָרן נישט נאָר אויף צו גרינדן קאָלאָניעס, נאָר אויך אויף צו שטיצן די עמיגראַציע. אין אַ בריוו פון 15טן פעברואַר 1896 ענטפערט דער באַראָן, אַז דאָס איז ריכטיק, אָבער ער חזרט איבער, אַז צוליב אַ גאַנצע ריי עקאָנאָמישע און מאָראַלישע שוועריקייטן אין די קאָלאָניעס און אין דער יק"א־אַדמיניסטראַציע צווייפלט ער איצט אין געראָט פון דער יק"א־אַרבעט אין אַ ברייטן מאַסשטאַב. בכן וויל ער אויסברייטערן די אַרבעט פון דער יק"א אויך אויף

צו געבן הילף אין פאַרשיידענע אייראָפּעיִשע לענדער און דערמיט העלפן עמי־גרירן יחידים, נישט דווקא דורכן שאַפן קאָלאָניעס. אין דעם זינען וויל ער דורכ־פירן די נייטיקע שינויים אין די סטאַטוטן פון דער יק״א (112).

6) די אַליאַנס־מענטשן אין אַרגענטינע

אומדירעקט האָט אין אַרגענטינע די אַליאַנס געקענט האָבן אַ גרויסן איינ־פלוס דורך אירע מענטשן וואָס זײַנען געווען אָנגעשטעלטע פון דער יק״א. די צוויי יק״א־אַדמיניסטראַטאָרן אין בוענאָס־אײַרעס, סאַמועל הירש און אברהם קאַזעס, זײַנען געווען געטרײַע פרײַנד פון דער אַליאַנס. הירש איז במשך פון 14 יאָר גע־ווען לערער און דירעקטאָר פון מקוה־ישראל. אין 1891 איז ער צוליב זײַן שלעכטן געזונט־צושטאַנד צוריקגעקומען קײַן פראַנקרײַך און דאָרט געוואָרן אַדמיניסטראַ־טאָר פון אַ ייִדיש יתומים־הויז (Refuge du Plessis — Piquet), וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון זײַן ברודער. ווען באַראָן הירש האָט געוואָלט שיקן קײַן בוענאָס־אײַרעס אַ נײַעם מענטש, האָט ער אין אויגוסט 1892 זיך געוואָנדן צו ס. הירש. פאַרן אָפּפאָרן האָט הירש פון דער אַליאַנס באַקומען כלערליי דאָקומענטן אויף צו באַקע־נען זיך מיטן מצב אין אַרגענטינע. דערין די בריוו פון דוד חיים וועגן וועמען מיר וועלן באַלד שרײַבן גענויער (113). אויך קאַזעס איז געווען אַ געוועזענער אַליאַנס־לערער; אַ צײַט האָט ער געאַרבעט אונטער דער דירעקציע פון ס. הירש אין יפו (114).ביידע זײַנען זיי געווען גוטע אַדמיניסטראַטאָרן — אַזוי ווי באַראָן הירש און אויך די אַליאַנס האָבן עס פאַרשטאַנען. גאַר גיך זײַנען זיי אָבער געוואָרן טי־פּישע יק״א־ביוראָקראַטן, מיט אַ שאַרפער ביסל אַנטיפּאַטיע צו די רוסיש־ייִדישע קאָלאָניסטן. שוין אין ארץ־ישראל האָט הירש נישט געהאַט קײַן סך סימפּאַטיע פאַר די רוסישע ייִדן און אוודאי נישט צו די חובבי־ציון. אין זײַנע באַריכטן צו דער אַליאַנס זאָגט ער זיך כסדר אַרויס קעגן העלפן די שכנותדיקע קאָלאָניעס פון די חובבי־ציון (115). אַ גרופּע ייִדישע קאָלאָניסטן האָט אין 1895 אינטערווענירט ביים רוסישן קאָנסול אין בוענאָס־אײַרעס קעגן די האַנדלונגען פון דער יק״א־אַד־מיניסטראַציע. דעם פּראָטעסט האָט דער קאָנסול איבערגעשיקט צום לאָנדאָנער ראַבינער אַדלער; ראַבינער אַדלער האָט דעם 18טן אויגוסט 1895 וועגן דעם גע־שריבן צו דער אַליאַנס אין פּאַריז, באַמערקנדיק דערבײַ, אַז דער קאָנסול איז אַ ייִדן־פרײַנד. פון איר זײַט האָט די אַליאַנס וועגן דעם געשריבן צו ס. הירש. אין זײַן תשובה פון 21סטן סעפּטעמבער 1895 האָט ער אין גאַר שאַרפע ווערטער זיך אַרויסגעזאָגט בנוגע די קאָלאָניסטן (116). הירש און קאַזעס זײַנען געווען געטרײַע נאָכפאָלגער פון דער אַליאַנס. באַראָן הירש האָט דעם 20סטן נאָוועמבער 1894, זיי פאַרגעוואָרפן, אַז זיי „געהערן כמעט צו דער אַליאַנס״. דעם 31סטן מאַרץ 1898 האָבן זיי ביידע געשריבן, אַז זיי זײַנען „אָנגעשטעלטע״ פון דער אַליאַנס (117).

אחוץ זיי ביידן האָט די אַליאַנס אין אַרגענטינע נאָך געהאַט אַ גרופּע געטרייַע מענטשן צווישן די לערערס אין די קינדערשולן. ס׳רוב לערערס זייַנען — ווי מיר וועלן ווייַטער זען — געווען געוועזענע לערערס אין אַליאַנס־שולן. פון אַזוינע לערערס האָט מען געפאָדערט מער ווי לערנען מיט קינדער; מ׳האָט גע־וואָלט זיי זאָלן זייַן איבערגעגעבענע יי״קא־אַדמיניסטראַטאָרן אין די קאָלאָניעס. ווען סאַבאַך (Jos. Sabah), וואָס איז פריער געווען 11 יאָר לערער אין אַליאַנס־שולן, איז אין 1894 געבראַכט געוואָרן קיין אַרגענטינע, האָט ס. הירש אים באַלד געזאָגט, אַז מ׳האָט אים געבראַכט צו ווערן נישט נאָר אַ לערער, נאָר אויך אַן אַד־מיניסטראַטאָר אין מאָוריסיאָ (118). די פּערזאָן פון לערער דוד חיים (Haym) איז שטאַרק כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטימונגען בנוגע דער אַליאַנס אין אַרגענ־טינע. ד. חיים איז געווען נישט נאָר אַ לערער אין מאָוריסיאָ. ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט אַדמיניסטראַטיווע יי״קא־אַרבעטן, האָט זיך אַרייַנגעמישט אין אַלע קאָנפליקטן, זיך אַרומגעקריגט מיט די יי״קא־אַדמיניסטראַטאָרן, האָט קריטיקירט אפילו דעם באַראָן הירש און געשריבן לאַנגע באַריכטן צום באַראָן און צו דער אַליאַנס. די קאָלאָניסטן האָבן אים פייַנט געהאַט. מ׳האָט אים גערופן „דער ווייַ־סער יעזויִט“, „דער פראַנצייזישער שפּיאָן“, ווי אַלפּערסאָן דערציילט אין זייַנע זכרונות. ער זאָל האָבן שפּיאָנירט די קאָלאָניסטן און אָנגעטאָן זיי צרות, אָבער פון זייַנע לאַנגע באַריכטן קיין פּאַריז איז גאָר צו דרינגען, אַז אין ס׳רוב פאַלן האָט ער זיך גאָר אָנגענומען פאַר די קאָלאָניסטן קעגן די יי״קא־אַדמיניסטראַטאָרן. ווען דער קאָלאָנעל גאָלדשמיד איז געשיקט געוואָרן קיין אַרגענטינע אויסצו־פאָרשן דעם מצב אין די קאָלאָניעס האָט ד. חיים געשריבן בריוו קעגן די מעטאָדן פון קאָלאָנעל און זייַנע מיטאַרבעטער. די יי״קא — שרייַבט חיים — האָט גע־מאַכט אַ פעלער מיטן באַשטימען פאַר איר פאָרשטייער אין בוענאָס־איירעס דעם דר׳ לעווענטאַל וואָס איז געווען אַ געלערנטער, אָבער נישט קיין פּראַקטישער מענטש. אַראַלאָ ראָטה איז געווען נישט מער ווי אַן אַרגענטינער סוחר. און וועגן קאָלאָנעל גאָלדשמיד האָט ער נישט געהאַט קיין פיל בעסערע מיינונג. פון חיימס לאַנגע בריוו צו דער אַליאַנס קען מען קומען צום אויספיר, אַז עס איז אָנגעגאַנ־גען אַ שטילער קאַמף פון טייל יי״קא־מענטשן קעגן דער אַליאַנס, קעגן דעם די־רעקטן אייַנפלוס פון דער אַליאַנס אויף דער יי״קא אין אַרגענטינע; בכלל האָט חיים געזוכט פאַרצושטעלן יעדן קאָנפליקט צווישן אים און די יי״קא־מענטשן ווי אַ קאָנפליקט צווישן דער יי״קא און דער אַליאַנס. דעם 10טן סעפּטעמבער 1893 שרייַבט חיים קיין פּאַריז, אַז דער יי״קא־אַדמיניסטראַטאָר קאַגאַן טוט אַלדאָס מיגלעכע אָפּצושוואַכן דעם אייַנפלוס פון דער אַליאַנס. פריער נאָך, דעם 8טן אָק־טאָבער 1892, שרייַבט ער, אַז דער מצב פון די קאָלאָניעס וואָלט אויסגעזען אַ סך בעסער, אויב די אַליאַנס וואָלט אָנגעפירט מיט דער יי״קא־אַרבעט. דעם 5טן

נאָוועמבער 1892 גיט ער אָן אָנצוהערעניש, אַז דער קאָלאָנעל גאָלדשמיד איז קעגן אים צוליב זײַן (דעם קאָלאָנעלס) ענגלישער אַנטיפּאַטיע צו דער אַליאַנס. ווען חיים האָט מיט אים גערעדט וועגן אַליאַנס־לערערס פאַר די קאָלאָניעס, האָט דער קאָלאָנעל גאַר געענטפערט, אַז ער וועט זיך ווענדן וועגן לערערס צו דער „אַנגלאָ דזשוּיִש אַסאָסיישן". חיים שרײַבט אַפילו, אַז אויב גאָלדשמיד וועט סוף יאָר נישט פאַרלאָזן די אַרבעט און אויב די אַליאַנס וועט זי נישט איבערנעמען, וועט אַלץ אַוועק שלעכט און ער וועט פאַרלאָזן אַרגענטינע. פון מאָוריציאָ האָט חיים געשריבן בריוו צו א. ראָטה אין בוענאָס־אײַרעס, אין די בריוו האָט ער זיך אָנגענומען פאַר די קאָלאָניסטן. דאָס האָט חיים, אין אַ גרויסער מאָס, דערפירט צום צוריקרופן פון דער קאָלאָניע דעם אַדמיניסטראַטאָר גערבעל, וועלכער האָט אָנגעטאָן צרות די קאָלאָניסטן. חיים האָט אויך צונויפגעשטעלט די רשימה פון די קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן נאָך גאָלדשמידס באַזוך געוואָלט צוריקפאָרן קײַן רוס־לאַנד: פון 298 קאָלאָניסטן אין מאָוריציאָ זײַנען 122 געווען גרייט צו פאַרלאָזן די קאָלאָניע. ער האָט געוואָרנט קעגן די רעזולטאַטן פון אַזאַ שריט, אָבער קיינער האָט ד. חיימען נישט ליב געהאַט, נישט די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ שפּיאָן, נישט די יִק"א־אַדמיניסטראַטאָרן, נישט די אַליאַנס. זיי האָבן זיך געפילט נישט באַקוועם פון זײַנע לאַנגע, אַ ביסל צו אויפריכטיקע באַריכטן, וואָס האָבן אויפגעדעקט אַלע אינטריגעס. ווען ס. הירש איז דורך דעם באַראָן הירש געשיקט געוואָרן קײַן אַרגענטינע, האָט די אַליאַנס אים געגעבן צו לייענען חיימס בריוו. ד. חיים האָט אָפט טאַקע געשריבן זאַכן, וואָס האָבן געקענט אויפקאָכן דאָס בלוט פון אַן אַליאַנס־סעקרעטאַר, אָדער פון אַ יִק"א־אַדמיניסטראַטאָר. ער האָט נישט געשאָנעוועט אַפילו דעם באַראָן הירש, און נישט דעם באַראָן ראָט־שילד. דעם 22סטן אויגוסט 1893 האָט ער פּראָטעסטירט קעגן סיסטעם פון דער יִק"א־דירעקציע, וואָס דערפירט צו אינטריגעס דורכן לאָזן איין יִק"א־אָנגעשטעלטן נאָכשפּיאָנירן דעם אַנדערן און הייסן יעדן פון זיי שיקן באַריכטן דירעקט קײַן פּאַריז. „זיי זײַנען אַלע די זעלבע, די באַראָנען" — שרײַבט ער. ראָטשילד האָט אין פּאַלעסטינע געטאָן פּונקט דאָס זעלבע (119).

עס האָט, פאַרשטייט זיך, קיין רייד נישט געקענט זײַן וועגן דעם, אַז די אַליאַנס זאָל ווען עס איז טאַקע אָפענערהייט אויסנוצן אירע מענטשן אין אַרגענ־טינע קעגן דער יִק"א. צווישן ביידע אָרגאַניזאַציעס האָט עקסיסטירט אַ שטילע סאָלידאַריטעט אין דער באַציִונג צו די קאָלאָניסטן. די באַריכטן פון ד. חיים און אַנדערע האָט די אַליאַנס אָפט איבערגעשיקט צום באַראָן, און נאָך זײַן טויט צו דער פּאַריזער דירעקציע פון דער יִק"א, אָבער ווײַטער פון דעם — גאָרנישט. פאַר דער אָפיציעלער שטעלונג פון דער אַליאַנס צו די אינצידענטן צווישן די קאָלאָ־ניסטן און דער יִק"א־אַדמיניסטראַציע איז כאַראַקטעריסטיש אַ בריוו (13טן אָפּ־

טאָבער 1893) פון דער אליאַנס צו אשיל לעווי, פּאַרזיצער פון אליאַנס־קאָמיטעט אין בוענאָס־איַירעס: די אליאַנס האָפט, אַז די נײַע יק״א־אַדמיניסטראַציע אין בוענאָס־איַירעס וועט דורכקומען מיט די קאָלאָניסטן (120).

7) די אַליאַנס און די קינדער־שולן

פאַר דער אליאַנס האָט אַ צײַט עקסיסטירט נאָך איין ברייט פעלד פון טעטיקייט אין אַרגענטינע: די קינדערשולן (121). דעם 2טן אָקטאָבער 1890 שרײַבן די קאָלאָניסטן פון מאָזעסוויל צו דער פּאַריזער אליאַנס, אַז די בוענאָס־איַירעסער ייִדישע האַנטווערקער וועלן בויען פאַר זיי אַ שול, וועלכע זיי וועלן איבערגעבן אונטער דער אָנפירונג פון דער אליאַנס. די מיסיע, מיט דר׳ לעווענטאַל בראש, האָט אין באַריכט פון 16טן אָקטאָבער 1890 געשריבן וועגן דער נויטווענדיקייט צו גרינדן אַ קינדערשול אין פּאַלאַסיאָס און אַז דערצו דאַרף מען צוויי לערערס.

די פּאַריזער אליאַנס האָט געהאַט אַ טראַדיציע פון אָרגאַניזירן שולן; ס׳איז בכן געווען נאַטירלעך, אַז די אליאַנס זאָל אָנהייבן זאָרגן אויך וועגן אָרגאַניזירן שולן אין אַרגענטינע. דעם 19טן פעברואַר 1892 איז קײַן אַרגענטינע אָנגעקומען דוד חיים, וועלכער איז, ווי דערמאָנט, פריער געווען אַן אליאַנס־לערער אין פּאַלעסטינע. איזידאָר לעב האָט אים געשיקט אָרגאַניזירן שולן פאַר די קינדער פון די אַרגענטינער קאָלאָניסטן. דעם 12טן מײַ 1894 האָט ד. קאַזעס געשריבן פון בוענאָס־איַירעס צו א. ריבי, דירעקטאָר פון דער אליאַנס־שול אין טאַנזשיר, און געבעטן צוצוגרייטן פאַר אַרגענטינע 3—4 לערערס און 7—8 אויפזעערס. די קאַנדידאַטן האָבן געדאַרפט אַלע קענען שפּאַניש — אַ גוטן שפּאַניש און נישט שפּאַניאָליש. אחוץ מיט לערנען האָבן זיי זיך געדאַרפט פאַרנעמען אויך מיט קאָנצעלאַרישע יק״א־אַרבעטן (122). באַראָן הירש איז באַלד פון אָנהייב מסכים געווען זיך צו ווענדן צו דער אליאַנס נאָך לערערס פאַר אַרגענטינע. אין אַ בריוו קײַן בוענאָס־איַירעס (דעם 20סטן נאָוועמבער 1894) האָט דער באַראָן געגעבן אויפגעקלערט די סיבות דערפון: די אליאַנס וועט אָנגעפירט פון מענטשן, וואָס זײַנען איבערגעגעבן דער אַרבעט פון דער יק״א, טאָ פאַר וואָס זאָל מען נישט אויסנוצן זייערע פעיִקייטן? אמת, ס. הירש און ד. קאַזעס קענען אַליין טאָן די אַרבעט, אָבער זיי זײַנען פאַרנומען מיט אַנדערע פּראָבלעמען און אייביק וועלן זיי נישט לעבן, בשעת די אליאַנס וועט עקסיסטירן דורות־לאַנג. די אליאַנס איז פינאַנציעל אומאָפּהענגיק און אויב די פינאַנצן פון דער יק״א זאָלן נישט קלעקן, וועט די אליאַנס אפשר פינאַנציעל העלפן דער יק״א גרינדן און אויסהאַלטן שולן. בכן — שרײַבט דער באַראָן — האָט ער באַשלאָסן בעטן די אליאַנס איבערצונעמען די דירעקציע פון די שולן אין אַרגענטינע, בתנאי, אַז עס זאָל עקסיסטירן אַ נאָענטע צוזאַמענאַרבעט צווישן דער אליאַנס און דער יק״א (123). דעם זעלבן טאָג (20סטן

נאָוועמבער 1894) האָט זיך באַראָן הירש אָפיציעל געווענדט צו דער אַליאַנס, זי זאָל איבערנעמען די דירעקציע פון די שולן אין אַרגענטינע. די הוצאות וועט די יִיקאַ צוריקצאָלן. דערבײַ גיט דער באַראָן אָן נאָך אַ וויכטיקע סיבה, וואָס האָט אים גע־שטויסן אָנצונעמען אַזאַ באַשלוס: די צו גרויסע לוינען, וואָס עס באַקומען די־יִיקאַ־אָנגעשטעלטע האָבן באַלד פון אָנהייב אָוועקגעפירט די יִיקאַ־אַרבעט אויף אַ שלעכטן דרך; די אַליאַנס, פאַרקערט, האָט שוין אַ טראַדיציע צו אַרבעטן שפּאָר־זאַם און זי וועט צאָלן די לערערס אין אַרגענטינע לויט די שכירות פון די אַליאַנס־שולן אין די מיזרח־לענדער (124). דעם 11טן יאַנואַר 1895 האָבן אויך ס. הירש און ד. קאַזעס געשריבן פון בוענאָס־אײַרעס, אַז די אַליאַנס וועט קענען פירן די שולן שפּאָרזאַמער ווי די יִיקאַ (125).

אין דער זעלבער צײַט האָט דער באַראָן פאָרויסגעזען אַזאַ פּראָגראַם פון לימודים אין די שולן, אַז די אַליאַנס זאָל דאָרט נישט קענען אָנווענדן איר טראַ־דיציאָנעלע פּאָליטיק פון פאַרשפּרייטן די פראַנצייזישע שפּראַך און דעם פראַנ־צייזישן אײַנפלוס. דעם 23סטן יוני 1894 האָט ער געשריבן צו דער דירעקציע פון דער יִיקאַ, אַז נישט פראַנצייזיש, נאָר שפּאַניש און העברעיִש זאָל מען לערנען אין די שולן (126). צי צוליב דעם טאַקע אָדער צוליב אַנדערע סיבות, — די אַליאַנס האָט קיין מאָל נישט איבערגענומען אָפיציעל דאָס אָנפירן מיט די שולן; די שולן אין אַרגענטינע זײַנען נישט געוואָרן קיין אַליאַנס־שולן. די אַליאַנס האָט בלויז גע־שיקט לערער, אָבער די גאַנצע דירעקציע פון די שולן איז פאַרבליבן אין די הענט פון דער יִיקאַ. די אַליאַנס האָט בסדר געבעטן די לערערס, וואָס זי האָט געשיקט קײַן אַרגענטינע, אַז זיי זאָלן שיקן זייערע באַריכטן דירעקט צו דער יִיקאַ.

די קאָלאָניסטן האָבן נישט איבעריק ליב געהאַט די אַליאַנס־לערערס, וועלכע האָבן געזוכט אין אַרגענטינע אײַנצופירן די מעטאָדן פון די אַליאַנס־שולן אין די מיזרח־לענדער, זאַכן, וואָס זײַנען אין גאַנצן פרעמד געווען די רוסישע ייִדן. די אַליאַנס־לערערס האָבן נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז די רוסיש־ייִדישע קאָלאָניסטן זײַנען קולטורעלער פון די ייִדן אין די לענדער ווו די לערערס האָבן פריער געלערנט. מרדכי אַלפּערסאָן דערציילט אין זײַנע זיכרונות, אַז ס. הירש האָט געזאָגט צו די קאָלאָניסטן: „דער באַראָן האָט זיך געווונטשן פון אײַך צו מאַכן פּויערים און נישט קיין פּראָפעסאָרן" (127). נאָך אין 1910 (דעם 29סטן יולי) האָט ר. קאַזעס פאַרגעוואָרפן אין אַ באַריכט צו דער יִיקאַ, אַז די רוסיש ייִדישע קאָלאָניסטן זײַנען קעגן לערנען די קינדער שפּאַניש און די אַרגענטינער געשיכטע (128).

אָבער למען האמת מוז מען זאָגן, אַז די אַליאַנס־לערערס האָבן געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט בײַם אָרגאַניזירן די שולן. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די אַליאַנס־לערערס זײַנען תמיד געווען שלעכט באַצאָלטע אָנגעשטעלטע, וואָס זײַנען אָבער דאָך געווען איבערגעגעבן זייער אַרבעט און אין די מיזרח־לענדער האָבן זיי

אָפֿט אויפֿגעטאָן ווונדער. אין אַרגענטינע האָבן זיי געהאַט דורכצוקומען אָן אַ שיעור שוועריקייט, זיך אַרומרײַסן מיט די יִקאַ־אַדמיניסטראַטאָרן און אויסקעמפֿן בײַ זיי בנינים און ביכער פֿאַר קינדערשולן; זיך אַרומרײַסן מיט די עלטערן, וואָס זײַנען געווען פֿאַר זיי אַ פֿרעמדער עלעמענט (129).

הערות

פֿאַר דער אַרבעט האָבן מיר אויסגענוצט: 1) די אַרכיוון פֿון דער אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל אין פּאַריז; אין ווייטערדיקן טעקסט ווערט דער מקור באַצייכנט מיט אַליאַנס, קאָרעספּאָנדענץ און קאָפּיעס פֿון בריוו. אַ גרויסער טייל פֿון די אַרכיוון איז פֿאַרניכטעט געוואָרן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה; 2) אַ זאַמלונג דאָקומענטן צו דער געשיכטע פֿון ייִדישער עמיגראַציע אין באַזיץ פֿון ייִוואָ אין בוענאָס־איירעס. אין ווייטערדיקן טעקסט ווערן די דאָקומענטן באַצייכנט מיט ייִוואָ.

אין דער אַרבעט וועט אונדז אָפֿט אויסקומען צו ציטירן די באַריכטן פֿון דער מיסיע, וואָס דער באַראָן הירש האָט געשיקט קיין אַרגענטינע. אויף וויפֿל עס איז אונדז באַקאַנט, זײַנען די באַריכטן קיינמאָל ניט פֿאַרעפֿנטלעכט און אויך ניט אויסגענוצט געוואָרן. די אָריגינאַלן זײַנען געשיקט געוואָרן צו איזידאָר לעב, גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער אַליאַנס אין פּאַריז. זיי זײַנען אָבער פֿאַרלוירן געגאַנגען אין 1940 בעת די דײַטשן האָבן פֿאַרכאַפּט דעם אַרכיוו פֿון דער אַליאַנס, און אפֿשר זײַנען זיי פֿאַרלוירן געגאַנגען אַ סך פֿריער. לויט אַ קאָפּיע פֿון איזידאָר לעבס אַ בריוו פֿון 16טן דעצעמבער 1890 (אַליאַנס, קאָרעספּאָנדענץ 426), האָט לעב איבערגעשיקט די באַריכטן פֿון דער מיסיע צו אַ צווייטער פּערזאָן (דער נאָמען איז נישט אָנגעגעבן), וואָס האָט ווייטער געלאָזט איבערשיקן די באַריכטן צו ד״ר זאָנענפֿעלד, דעם סעקרעטאַר פֿון דער פּריוואַטער צדקה־געזעלשאַפֿט פֿון באַראָן הירש. לויט אַ צווייטער נאָטיץ פֿון 9טן יאַנואַר 1891 (דאָרט) האָט לעב איבערגעשיקט די באַריכטן נומ׳ 8, 9 און 10 דירעקט צו ד״ר זאָנענפֿעלד. די באַריכטן זײַנען געווען נומערירט. צום גליק האָט די מיסיע געשיקט קאָפּיעס פֿון די באַריכטן אויך צו אַנדערע אינסטיטוציעס און יחידים (אויך די קאָפּיעס זײַנען געחתמעט); אייניקע פֿון די באַריכטן — אָבער ניט אַלע — איז אונדז געלונגען צו געפֿינען: 1) באַריכט נומ׳ 1, ניט נומערירט, דאַטירט בערלין דעם 19טן אָקטאָבער 1890, 2 זז׳. 2) באַריכט נומ׳ 2, פֿון גענוא, 24סטן אָקטאָבער 1890, 1 ז׳. 3) באַריכט נומ׳ 3, פֿון דער שיף „נאָרט אַמעריקאַ״, 27סטן אָקטאָבער 1890, 2 זז׳. 4) באַריכט נומ׳ 4, פֿון דער שיף און פֿון מאָנטעווידעאָ, 10טן נאָוועמבער 1890, 1 ז׳. 5) באַריכט נומ׳ 7, פֿון מאָנטעווידעאָ, 29סטן נאָוועמבער 1890, 1 ז׳. 6) באַריכט נומ׳ 11, פֿון דער קאָלאָניע פּאַלאַסיאָס, 16טן דעצעמבער 1890, 28 זז׳. פֿון דעם באַריכט פֿאַרמאָגט ייִוואָ אויך אַ האַקטאָגראַפֿישע קאָפּיע פֿון 18 זז׳. 7) באַריכט נומ׳ 12, פֿון בוענאָס־איירעס, 3טן יאַנואַר 1891 (על־פּי טעות דאַטירט 1890), 24 זז׳. 8) באַריכט נומ׳ 16, פֿון בוענאָס־איירעס, 15טן פֿעברואַר 1891, 28 זז׳. 9) באַריכט נומ׳ 17, פֿון בוענאָס־איירעס, 28סטן פֿעברואַר 1891, 12 זז׳. מיר האָבן ניט געפֿונען די באַריכטן נומ׳ 5 (15 זז׳) פֿון 23סטן נאָוועמבער 1890, לויט דער נאָטיץ פֿון א. לעבן. נומ׳ 6, 8—9—10, 13—14—15 און פֿון נומ׳ 18 אָן.

אַחוץ אָט די באַריכטן פֿון דער מיסיע געפֿינען זיך אין מחברס באַזיץ קאָפּיעס (אויף דער שרײַבמאַשין און העקטאָגראַפֿירט) פֿון באַריכטן און בריוו פֿון ד״ר לעווענטאַל, געשריבן פֿון בוענאָס־איירעס און אַדרעסירט דירעקט צו באַראָן הירש. אַלע זײַנען זיי פֿון אַ שפּעטערדיקער דאַטע: 1) [באַריכט] נומ׳ 4 פֿון 4טן יולי 1891, 17 זז׳; 2) [הוספה צום] באַריכט נומ׳ 4, אויך פֿון 4טן יולי, 27 זז׳; 3) באַריכט נומ׳ 5, 6טן יולי 1891, 5 זז׳; 4) באַריכט נומ׳ 6, 7טן יולי 1891, 6 זז׳;

5) בריוו נומ׳ 5, 7טן יולי 1891, 2 זז׳; 6) בריוו נומ׳ 6, 11טן יולי 1891, 5 זז׳; 7) באַריכט נומ׳ 7, 19טן יולי 1891, 16 זז׳; 8) בריוו נומ׳ 8, 24סטן יולי 1891, 5 זז׳. די אַלע בריוו און באַריכטן זײַנען געשריבן אין דײַטש, בשעת די ערשטע באַריכטן פון דער מיסיע זײַנען געשריבן אין פראַנ־צויזיש. די דאָזיקע צווייטע סעריע באַריכטן האָבן מיר אין דער אַרבעט ניט אויסגענוצט. זיי שטעלן אָבער פאַר מיט זיך אַ גאַר וויכטיקן מאַטעריאַל וועגן דר׳ לעווענטאַלס אונטערהאַנדלונגען בײַם קויפן לאַנד, פינאַנציעלע באַריכטן. און זיי פאַרמאָגן אַן אַ שיעור וויכטיקע ידיעות פאַר אַ מער פּרטימדיקער אַרבעט.

1) Z. Szajkowski, The Alliance Israélite Universelle in the United States, 1860 - 1949. **Publications of the American Jewish Historical Society, XXXIX** (1950), pp. 389-443.

2) אַליאַנס, קאָרעספּאָנדענץ, 205—206, 332, 461; קאָפּיעס פון בריוו, ב׳ 2, זז׳ 263, 278, 474, 484, 605.

3) אַליאַנס, קאָרעספּאָנדענץ, 477 און St. Thomae Tidende פון 22סטן יוני 1870.

4) אַליאַנס, קאָרעספּאָנדענץ, 444, 476.

5) דאָרט, 331.

6) דאָרט, 403.

7) אַליאַנס, קאָפּיעס פון בריוו, ב׳ 144, זז׳ 177, 211; ב׳ 146, ז׳ 202; ב׳ 149, ז׳ 229.

8) Adolphe Bash, Léon Jacques, Bertholdo Bernhard,Nathan Wormser, Max Mandel, Kley, Martin Meyer, Charles Lévi, Adolphe Roth, Rubbin [Henry] Joseph, Cohen. Alliance, Copies, vol. 161, p. 245.

9) Congregación Israelita de la República Argentina.

10) אין קראַמערס קאָמיטעט האָבן מיטגעאַרבעט: Spinder, Bingen & Oswald. Alliance, Copies, vol. 165, pp. 424, 426; vol. 166, pp. 146, 351.

11) אַליאַנס, קאָרעספּאָנדענץ, 113, 115.

12) דאָרט, 655.

13) דר׳ יאָפּפע, קורות הישוב בארגנטינא. המליץ (1892). — מיכל הכהן סיני, די ערשטע יידישע קרבנות אין מאָזעסוויל. אַרגענטינער ייוואָ־שריפטן, נומ׳ 5 (1947). — ישראל פינגערמאַן, די געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. די אידישע צייטונג (1927). — N. Leven, **Cinquante ans d'histoire. L'Alliance Israélite Universelle,** vol. II (París 1920). — Idem, Orígenes de la colonización judía en la Argentina. **Judaica** (Nº 18, 1934). ביידע אַרבעטן פון נ. לעווען זײַנען אידענטיש.

José Mendelson, Comienzos de la colonización judía en Argentina. **50 años de colonización judía en la Argentina** (Bs. Aires, 1939).

14) נ. קרישמאַר, 50 יאָר יידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. אַרגענטינע (ב״א, 1938), ז׳ 122. — די ציטירטע אַרבעטן פון נ. לעווען. די מיסיע פון דר׳ וו. לעווענטאַל און זײַנע צוויי פרײַנד שרײַבט אויך אין באַריכט פון 16טן דעצעמבער 1890 וועגן די עמיגראַנטן, וואָס די אַליאַנס האָט געשיקט קיין אַרגענטינע אין אָקטאָבער 1888.

15) די גאַנץ גענויע צאָל פון יידישע עמיגראַנטן, וואָס איז דעמאָלט אָנגעקומען, איז ניט באַקאַנט. נ. לעווען גיט אָן די צאָל פון 827 (ב׳2, ז׳ 474), אַנדערע מקורים גיבן אָן **פאַרשיידענע** ציפערן. בכן וועלן מיר רעדן וועגן בערך 800 יידישע עמיגראַנטן.

16) Pedro S. Lamas, **Objetivos y resultados de mis trabajos en Europa en favor de la República Argentina. 1882-1890.** Tomo 1º (París, 1890). — Idem, **L'Industrie de l'élevage en Río de la Plata...** (Paris 1866). — Idem, **Aperçu économique et financier de l'Amérique latine...** Ire. année (París, 1855). — Idem, **Exposé sommaire de la situation économique et financier de la République Argentine...** (París, 1888. — Idem, **L'Italie et la République Argentine...** (París, 1886). — **Revue Sud-américaine,** publication mensuelle. Editeur: Pedro S. Lamas (París, 1883-1890). — **République Argentine. Notes et renseignements à l'usage de l'émigrant...** (Belfort, 1887). — **Reise in den Anden...** (Berlín, 1888). — Ernest van Bruys, **La République Argentine... ses colonies...** (Bruxelles, 1889). — Vte. J. de Brettes, **Mission géographique dans le Chaco** (París, 1889). — S. Zeballos, **Description agréable de la République Argentine...** (París, 1889). — Louis Guilaine, La **République Argentine...** (París, 1889). — Alexis Peyret, **Une visite aux colonies de la République Argentine.** — París, 1889). — **Avantages et condition de l'emigration à la République Argentine...** (París, 1899). — Gabriel Carrasco, **Conditions pratiques de l'émigration dans la République Argentine...** (París, 1889). — Jules Bosmans, **La Vérité sur la République Argentine...** (Bruxelles, 1889). — G. Cauderlier, **La Vérité sur l'émigrations des travailleurs et des capitaux belges dans la République Argentine.** (Bruxelles, 1889). — **Statistique du mouvement comercial et maritime au port de Dunquerque avec la République Argentine...** (Lille, 1889). — Emile Daireaux, **La vie et les moeurs à la Plata...** (París, 1889). — F. Latzina, **L'Agriculture et l'élévage dans la République Argentine...** (París, 1889). — Carlos Lix Klett, **Etude technique sur la République Argentine...** N. Caréto, **L'Avenir de l'Industrie sucrière dans la République Argentine.** (París, 1889). — **L'Echo Sud-americain, publication bimensuelle, distribuée gratuitment par le bureau officiel d'informations de la République Argentine à Toulouse.** (Toulouse, 1887-89). — **La République Argentine. Organe international pour le développement des intérêts commerciaux...** (París, 1885-90). — **La Plata.** Directeur: Hammaud de Vaisins (París, 1882-1900).

17) **Notice sur les conditions et formalités de l'émigration pour la République Argentine...** (Parés, 1888). — **République Argentine. Concessions de terrains nationaux. Notes et reuseignements à l'usaje de l'émigrant à la Plata** (París, [1889]. — **Republica Argentina. Vendita all'asta publica di 3,000 leghe quadrate nei territorii...** (Parigi, 1890).

18) Bureau officiel d'Informations de la République Argentine... **Notice sur les conditions et formalités de l'émigration pour la République Argentine...** (París, 1888), p. 7. Bibliothèque Nationale, Pq. 449.

19) לויט לעווענטאַלס אַ בריוו פון 9טן סעפּט׳ 1889 צו ז. זימעל איז פראַנק געווען אַ ייד.

"...die Leute von dem jüdischen Agenten Frank in Paris Gröblich beschwindelt worden sind."

דער נאָמען פון דער אַגענץ איז געווען:

Agence Centrale Snropéenne d'Emigration & de Colonisation pour la République Argentine. 19, rue de Milan, Paris.

20) לויט אַ ידיעה אין דער אַרגענטינער פּראָפּאַגאַנדע־צייטונג **L'Echo Sud-Américain** (ב' 3, אַפּריל 1889, ז' 77), וואָס איז אַרויס אין טולוז (פראַנקרייך) האָט ר. הערנאַנדעס זיך געװאָנדן צו דער אַרגענטינער רעגירונג וועגן דערלויבן אים גרינדן אַן אַגריקולטור־צענטער פון 21,460 העקטאַר.

21) אָט איז די פאָרמולע פון אַזאַ קאָנטראַקט (ייװאָ):

AGENCE CENTRALE EUROPEENNE D'EMIGRATION & DE COLONISATION
POUR LA REPUBLIQUE ARGENTINE

**
*

F. B. F R A N C
19, Rue de Milan, 19, PARIS

Paris, le 4 Julliet 1889

Formule de reçu-contrat

Reçu acmpte de Mr...... accompagné de.......... personnes, la somme de quatre cent francs, à déduire de la somme principale de trois mille francs, représentant la concession d'un lot de terrain de vingt-cinq hectares, selon les conditions stipulées dans une lettre adresée par moi à Monsieur Sigismond Simmel, de Berlin.

(Signé:) J. B. Frank.

עס איז כדאי צו ברענגען אַ פּאָר אויסצוגן פון פראַנקס בריוו פון 6טן יולי 1889 צום אַרגענטינער אימיגראַציע־קאָמיסאַר (ייװאָ):

Je me permets de solliciter votre haute protection en faveur de près de 800 inmigrés agriculteurs russes. Je n'en connaîtrai exactement le nombre qu'à Brême — qui s'embarqueront par mes soins le 10 courant à Brême, par le "Weiser" et à destination de la Plata. Ces inmigrants méritent, à tous égards, votre sollicitude; d'abord parce que ce sont tous de braves agriculturs qui ne demandent qu'à se créer une situation par leur travail; ensuite, parce qu'ils ne sont que les précurseurs de milliers d'autres, qui n'attendent qu'un mot d'espoir pour aller les rejoindre. Ils sont là-bas en Russie, quelque cent mille agriculteurs, au bas mot, qui ne demandent qu'à concourir à prospérité de la République Argentine, en vous opportant leur activité et leurs capitaux.

Le terrain est préparé; tout le monde se tient prêt à partir au premier signal. Il est donc du plus haut intérêt que ces premiers immigrants ne soïent pas déçus dans leurs espérances; car voyez leur confiance, ils s'embarquent sur la foi des traités, et ils paient, sans pouvoir se rendre compte de rien sur ma simple parole.

22) דער דאָזיקער בריוו איז געווען אַ קאָלעקטיווע הוספה צו די קאָנטראַקטן וואָס פראַנק האָט געחתמעט מיט יעדן עמיגראַנט באַזונדער. אָט זיינען אַ פּאָר אויסצוגן, לויט אַ קאָפּיע געשריבן אויף זימעלס פירמע־פּאַפּיר (ייוואָ):

Voici la Lettre que je vous ai promise et qui doit servir de complément au reçu-contrat que je vous adresse sous le même pli. Les conditions de vente, quant au prix, au mode de paiement, ainsi qu'à certaines avances, sont les suivantes. Les concessions se font par lôts de 25 jusqu'à 100 hectares, à raison de 120 frs l'hectare, soit 3.000 frs le lot, le tout payable comme suit: Une partie — la moitié — en 22 ans payant à la Banque Hypothécaire l'intérêt usuel de 2 % pour l'amortissement. Le reste se paiera par annuités, ou bien selon les ressources du colon, sans aucun terme fixe, à charge seulement par le colon d'avoir à servir un intérât au taux des Banques commerciales de la capitale, avec faculté de se libérer par anticipation, s'il le désire. Selon toute probabilité, le colon, grâce à la fertilité du sol, aura payé le tout de la 2ème ou 3ème année d'exploitation. L'entreprise procure des logements provisoires, la manutention, tuos les outils nécessaires, les instruments de labour, boeufs, chevaux etc... à des prix réduits, le tout payable à longs termes. Le colon n'aura à payer aucun impôt durant l'espace de 3 ans, mais il sera obligé de cultiver au moins la moitié de la concession acquise. Le terrain est très fertile. Le blé, l'avoine, les pommes de terre y viennent en abondance, la luzerne donne de 4 à 5 coupes; la vigne et la betterave sont d'un excellent rapport, et toutes les variétés d'arbres à fruits y poussent et y développent admirablement. Le climat est très sain: ni fièvre, no épidémie. La colonie est desservie par un chemin de fer qui la relie à Buenos-Aires. L'es colons sont justiciables de leurs juges naturels, ils sont régis par les lois nationales et locales. Liberté de conscience absolue, libre exercice de tous les cultes: égalité devant la foi; égalité devant la loi. Et maintenant, Monsieur, pour vous prouver jusqu'à quel point je suis soucieux des intérêts de vos coréligionnaires, je vous dirai que j'ai insisté d'une façon toute spéciale auprès du fils de Monsieur Lamas, Monsieur André Lamas, parti pour Buenos-Aires, le 12 Juin dernier afin qu'il mît tout en oeuvre pour que les immigrants russes, fussent reçus dès leur arrivée, dans les meilleurss conditions, tant au point de vue matériel, qu'au point de vue moral et spirituel. De mon côte, sachant tuot ce que certaines pratiques traditionnelles ont de respectable, je vous promets de faire le nécessaire pour que le bétail sur pied, aussi bien à bord, que dans la colonie, et devant servir à l'alimentation de vos immigrants, soit abattu selon le rite israélite. Le fait

que je vous ai rapporté ce matin au sujet d'une pauvre femme israélite venue de Lille à Paris à pied, avec un enfant au sein dans le plus complet dénuement, et que Madame Lamas a admise à sa propre table, et à laquelle j'ai donné moi-même quelques petits subsides de route, après lui avoir fait obtenir l'avance de son passage, et celui de son mari, vous donnera la mesure et la note exacte des sentiments de M. Lamas et des miens à l'égard de vos coréligionnaires; du reste, la religion du coeur, la pitié pour vos semblables, est le point de jonction, où, après un circuit plus ou moins long, viennent aboutir et se fondre en religion unique, toutes les dissidences métaphysiques, toutes les communions. C'est pour rassurer sur le sort de vos coréligionnaires, et aussi un peu parce que je n'ai pas l'honneur d'être connu de vous, Monsieur, que je crois devoir faire ces confidences et cette déclaration.

23) **זע, קאָפּיעס געחתמעט דורך פראַנקן. דאָרט.**

24) **Les Archivers Israélites** (1889), p. 343.

25) **נ.** קריטשמאַר, ז' 123.

26) **אין 1881 האָט זיך אין דער בוענאָס־איירעסער פרעסע געפירט אַ דיסקוסיע וועגן דער** נויטלעכקייט פון אַ עמיגראַציע פון רוסישע יידן קיין בוענאָס־איירעס. די צייטונג **L'Union Française** פון 22סטן אויגוסט 1881 האָט געבראַכט אַ ידיעה, אַז די אַרגענטינער רעגירונג **האָט** געשיקט אַן אַגענט צו רעקרוטירן אין אייראָפּע יידישע עמיגראַנטן און די צייטונג האָט צוגעגעבן, אַז אַזאַ עמיגראַציע וועט זיין שעדלעך פאַר אַרגענטינע, ווייל די יידן זיינען בלויז שעדלעכע עלעמענטן. **Le Nacional** א״אַנד צייטונגען האָבן אַטאַקירט די בוענאָס־איירעסער אַנטיסעמיטישע פראַנצויזישע צייטונג. בוענאָס־איירעסער יידן האָבן אויך פּראָטעסטירט, הגם ניט שטאַרק. איין ייד האָט געפאָדערט, אַז די צייטונג זאָל מאַכן אַ חילוק צווישן מזרח־ און מערב־אייראָפּעאישע יידן. זען: די פראַנצויזישע צייטונג **L'Union Française** פון 22סטן און 26סטן אויגוסט 1881, **Le Nacional** פון 25סטן און 26סטן אויגוסט 1881, **La Nación** פון 26סטן אויגוסט 1881. ערנעסט בלאָך, אַ פראַצויזישער ייד פון בוענאָס־איירעס האָט געשריבן וועגן דעם צו זיין ברודער **S. Bloch** אין פּאַריז, וואָס האָט וועגן דעם מודיע געווען דער אַליאַנס (אַליאַנס, קאָרעספּאָנדענץ, 416).

27) לויט אַ בריוו פון אוידזשען זאָמערפעלד (ייוואָ) האָבן אין בוענאָס־איירעס די קאָלאָניסטן באַקומען צוריקגעצאָלט 12.000 פון די 18.000 איינגעצאָלטע פראַנקן.

עס איז כדאי צו ציטירן אויסצוגן פון דעם אינטערעסאַנטן בריוו, געשריבן צום לאָנדאָנער דע־פּוטאַט דזשוליען גאָלדשמיד דעם 15טן אָקטאָבער 1891. זאָמערפעלד, אַ בוענאָס־איירעסער דענטיסט, דענאָנסירט דעם גאַנצן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן ווי אַן אַוואַנטורע:

Cette lettre a été écrite pour dénoncer les agissements d'un caertain Dr. Loewenthal et de ses employés (la plupart Juifs baptisés), qui ont, à force de propagnde, incité un grand nombre de Juifs à émigrer vers l'Argentine et y ont fondé la colonie dénommée Palacio, en 1889. Les premiers Juifs arrivèrent à Buenos-Aires en août 1889 sous la conduite d'un certain H. Kaufmann. La plupart possédaient un contrat avec Mr. Frank, représentant à Paris de la Banco Nacional Colosaciadora, les obligeant à verser 400 frs. pour chaque famille.

Pour ceux qui ne pouvaient pas verser cette somme les Juifs riches parmi aux, versèrent la somme de 18.000 frs. en or. Pour obtenir le reste, Mr. Simmel avait promis de faire une enquête parmi les Juifs riches d'Argentine.

Mais lorsque les émmigrants arrivérent, ils reçurent une lettre les avisant que le contrat ètait annulé et, sur les 18.000 frs., il leur fut restitué 12.000. Quand des Juifs originaires du pays leur donnèrent de l'or pours faire un procés, le président de la communauté israélite, Kramer, et le rabbin Henry Josef leur conseilla de rendre le contrat. Eux deux, Kramer et Josef, se feraient forts de leur obtenir un nouveau contrat avec un certain Dr. Pedro Palacio, qui vendait des terres à raison de 40 nacionales papier l'hectare (100 hectares par famille). Le payement devait s'effectuer en 5 ans avec 8% d'intérêts. Pendant 1 an, les colons avaient droit à des vivres, du bétail et des outils agricoles.

Mais ce que les colons trouvèrent, ce fut la rase campagne, déserte, sans maisons, si bien qu'en peu de temps, 70 à 80 enfants moururent dans leur jeune âge.

